STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08937

NEKOME-NEMER

Henri Sloves

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נקמה - נעמער

ה. סלאָוועס

נקמה-נעמער

טראַגעדיע

אין דריי אַקטן — ניין בילדער

פאַרלאַג „אויפסניי“ פּאַריז

די טראגעדיע „נקמה־נעמער" איז פרעמירט געוואָרן דורכן משה־קאסנער־פאָנד אין ארגענטינע, אין מאי 1947. זי איז, צום ערשטן מאָל, געוואָרן אויפגעפירט אין פאריז, אין נאָוועמבער 1947, דורכן „ייקוט" (יידישער קונסט־טעאַטער ביים קולטור־פארבאנד אין פראנקרייך), אונטער דער רעזשי פון יאָנאס טורקאָוו.

דאָס אויפפירן אָדער עפנטלעך פאָרטראָגן פון דער פיעסע, אין גאַנצן אָדער טיילווייז, אָן דער דערלויבעניש פון מחבר, איז פארבאָטן.

הילע פון מ. באהעלפער

H. SLOVES : Nekome-Nemer (Les Vengeurs)
Tragédie en trois actes (9 tableaux)
Copyright by Editions « Ofsnaï », Paris 1947

Printed in France

Imprimerie S.I.P.N. 14, rue de Paradis (10e)

לזכרון

מיינע עלטערן, משה און ריינע סלאָוועס
מיינע שוועסטער, סימע און לאה
און מיין גאַנצער משפחה —
אומגעבראַכטע, אַלע,
אין טרעבלינקי און מאַידאַנעק.

אָ נ ט יי ל - נ ע מ ע ר :

אַנזאָגער

מאַרטאַ

אַנדריי

פּיליפּ

וויקטאָר

סערזש

פּיער

גאַסן-פאַרווילער

אויספאָרשער

געהיים-אַגענט

יונגער דייטשער זעלנער

תפיסה-וועכטער

טויער-וועכטער

פראָלאָג

אָנזאָגער:

אַ גוטן אָוונט, ליבע פריינט. איר דערקענט מיך ניט?... (פויזע) יאָ, איך ווייס, ס'איז טאַקע שווער מיך צו דערקענען. איר זענט געוווינט צו זען מיך אין פילפאַרביק-בונטע בגדים, מיט אַ ברייטן, פרייִדיקן געלעכטער אויפן פּנים, מיט קלינגעוודיקע, פריילעכע ניגונים אויף די ליפּן... היינט איז יעדער שמייכל אָפּגעווישט פון מיין געזיכט. און כ'האָב זיך אָנגעקליידט אין שוואַרצן, שוואַרץ מיט ווו ניט ווו אַ שפּריץ פון רויט. שוואַרץ ווי טרויער, רויט ווי בלוט; רויט ווי בלוט און שוואַרץ ווי בראָד... איך זע, איר הויבט זיך אָן אין מיר דערמאָנען. מען רופט פאַרשיידן מיך: אַמאָל העראָלד, אַמאָל לויפער. היינט הייס איך — אָנזאָגער. איך בין דער אָנזאָגער פון דעם מחבר, דער אָנזאָגער פון גורל. און איך — אַ ווידערקול; דער ווידערקול פון אייך, פריינט, פון אייערע מחשבות, נאָך ניט אַרויסגעזאָגטע, דורכגעבליצטע קוים דורך די רעיונות. זייט מיר מוחל, מיינע ליבע, כ'וועל היינט אייך ניט פאַרווײַלן ניט מיט לידער, ניט מיט טענץ. נעמט ס'מיר ניט פאַר אומגוט — איך קאָן ניט היינט. איך ווייס, איך ווייס, איר האָט משונה ליב ניגונים האַרציקע, ליב צו זען, ווי ס'פלעכטן קערפערס זיך און פיס אין טאַנץ. קאָן איך אָבער היינט ניט. נו, אַ צווייטן מאָל. איך זאָג אייך צו. איר קאָנט מיר טרויען... נאָט אייך, אויב איר ווילט, הערויף מיין ערלעכע נאמנות. היינט אָבער... (פויזע) היינט בעט איך אייך פאַרנעמען מיט געדולד אַ ניגון אָן אַנדערן, אָן ווערטער, אָן קלאַנגען — ווייל דער שונא וואַכט... אַ ניגון, וואָס מען זינגט אים מיט ציינער פאַרקריצטע, וואָס מען שטיקט אים אין זיך, אינם האַרצן, אין בלוט... היינט בעט איך אייך פאַרנעמען דאָס ליד פון נקמה, דאָס ליד פון בלוט, פון אומקום און פון האָפענונג... אָט זיינען זיי, די שפּילער אַלע.

האָרטן שטייען די נקמה־נעמער. ווי זיי הייסן אויף אַן אמת, ווייס איך ניט. זיי אַליין האָבן עס אויך פאַרגעסן שוין מסתמא. אָט דער רופט זיך פיליפ, אַן אויכגעפרוווטער שלאַכט־מאַן. דער — אַנדריי, ניט אַלט קיין גאַנצע צוואַנציק יאָר. דער איז וויסטאָר — געשפּאַנט אין אינערלעכן ציטער. און דאָס איז מאַרטאַ — אַ קעמפערין, אַ פרוי. אויך ניט־יידן צוויי, פראַנצויזן: פּיער און סערזש, חברים אין דער שלאַכט. אַנטקעגן איז דער שונא: אַן אויספאַרשער, אַ קוילער און אַ יונגער זעלנער. און אין אַ זייט, ווי אויסערהאַלב פון קאַמף און פּיין, פון פּחד און פון גבורה — אַ גאַסן־פאַרוויילער און וועכטער פון תפיסה. אַלע שפּילער זיינען דאָ. אַלע זיינען גרייט צו לאָזן זיך אין גרויסן שפּיל פון בלוט און טויט, פון אומקום, פון גלויבן און פון האָפענונג. מיר הויבן אָן.

(מוזיק)

ערשטער אַקט

בילד איינס

מאַרטאַ אַליין. עמיץ קלאַפּט פון אויסנווייניק. זי הערט זיך צו. מען קלאַפּט אויף אַן אָפּגערעדטן אופן. זי עפנט. עס קומט אַריין אַנדריי.

אַנדריי:

דאָס בין איך, מאַרטאַ. גוטן אָוונט....

מאַרטאַ:

גוטן אָוונט.

אַנדריי:

פאַרשפּעטיקט?

מאַרטאַ:

(קוקט אויפן האַנט־זייגערל) אויף גאַנצע אַכט מינוט.

אַנדריי:

כ'האָב ניט באַמערקט גלייך דעם צייכן אויפן פענצטער. צוויי מאָל געגאַנגען פאַרביי און ניט באַמערקט. געמיינט שוין, כ'וועל דאַרפן פאָרן צוריק מיט גאָרניט. פאַריכט, מאַרטאַ, מען זעט אים קוים אַרויס. (מאַרטאַ גייט צו צום פענצטער, פאַריכט עפּעס) נייעס?...

מאַרטאַ:

וואַרשיינלעך...

אַנדריי:

מכּוח פאָן קראַוזע?....

מאַרטאַ:

מעגלעך...

אַנדריי:

(מיט אַ ברייטן שמייכל) און ווי געוועגלעך, ווייסטו גאָרניט?...

מאַרטאַ:

(שמייכלט) ווי געוועגלעך...

אַנדריי:

אַך, מאַרטאַ, מאַרטאַ!.. נאָך ניט געזען אַזאַ פאַרבאַהאַלטענע, ווי דו ביסט... איך ווייס דאָך זייער גוט — אויב מיר קלייבן זיך צוזאַמען, איז אַ סימן, אַז עפּעס איז גרייט...

מאַרטאַ:

וואַרשיינלעך...

אַנדריי:

(קרימט זי גוטמוטיק נאָך) וואַרשיינלעך... מעגלעך... אַ!, נו, מילא, כ'וועל האָבן געדולד. (זעצט זיך, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פייפט אַ ניגון, פון מאָל צו מאָל שטילער, רייסט איבער, פאַרקוקט אויפן פענצטער) מאַרטאַ!..

מאַרטאַ:

האַ?...

אַנדריי:

זע, ווי וווּנדערשיין די זון פאַרגייט היינט...

מאַרטאַ:

יאָ.

אַנדריי:

בכלל איז דאָ ממש פּרעכטיק אַרום. (הויבט זיך אויף, מאַכט עטלעכע טריט איבערן צימער, גייט צו צום פענצטער, קוקט אַרויס)

מאַרטאַ:

שטיי ניט אין פענצטער, אַנדריי!..

אַנדריי:

אַנטשולדיק... (רוקט זיך אָפּ, קוקט פון דער ווייטן) גערטנער,

גערטנער... און בוימער אויפן וועג — פול... אָט דאָרטן זיינען קאַשטאַנען־בוימער, ניט אמת?..

מאַרטאַ:

יאָ.

אַנדריי:

די ערשטע הויבן זיי אָן זיך רויטיקן אין פרי־האַרבסט... קוק, מאַרטאַ, סאַראַ שפּע פון קאָלירן... גרין און גאָלדן־געל און ראָז און ערב־רויט... און דאָרט, שוין שאָטנדיק, כמעט אינגאַנצן פיאָ־לעט... איך בין פאַרליבט אין פאַרבן. אייגנטלעך, וואָלט איך גע־דאַרפט גאָר זיין אַ מאָלער...

מאַרטאַ:

(שמייכלט) ביסט זיכער?..

אַנדריי:

כמעט... (לאַכט שטיל, קוקט כסדר ארוים, פאַרטראַכט) שטעל זיך פאָר, איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין זון־אויפגאַנג. קאָ־מיש, האַ?.. וויפל מאָל כ'האָב געהאַט באַשלאָסן: כ'וועל מיך אויפהויבן באַגינען, איז אַלע מאָל — פאַרשלאָפן... און גראָד, ווערסט ניט גלויבן, שוין יאָרן גאַנצע ווי איך טרוים צו זען ווי די זון גייט אויף... ס'איז עפּעס ניט אויסגעקומען קיינמאָל... אפילו דאַן, ווען איך האָב געאַרבעט אונטערוועגנס, מיט דער גרופּע באַן־אויפרייסער... קאָמיש... (טראַכט אַ ווײַלע) מאַרטאַ!

מאַרטאַ:

וואָס?...

אַנדריי:

ס'איז וועגן פאָן־קראַוזע, האַ?.. (מאַרטאַ וויל ענטפערן, ער לאָזט ניט) איך בעט דיך, זאָג ניט, אַז דו ווייסט ניט!.. (זי שווייגט) ס'איז אמת, אַז פאָן־קראַוזע האָט... נאָך אין פּוילן?..

מאַרטאַ:

יאָ.

אַנדריי:

אין וואַרשע?..

מאַרטאַ:

דאָס האָט ער... ביים אויפשטאַנד פון געטאָ...

אַנדריי:

אָ!.. (צעשמייכלט זיך, שטראַלנדיק) סאַראַ וואונדערבאַרע אויפ־גאַבע פאַר אונדז!.. מאַרטאַ, זאָג, ס'איז באַשלאָסן?..

מאַרטאַ:

פרעג ניט מער, אַנדריי. איך וועל ניט ענטפערן.

אַנדריי:

נו, זיי ניט בייז אויף מיר!...

מאַרטאַ:

איך בין ניט בייז.

אַנדריי:

זיי ניט אַזוי ערנסט...

מאַרטאַ:

איך בין, ווי שטענדיק.

אַנדריי:

ניין — מער ווי שטענדיק. מאַרטאַ!.. (זי ענטפערט ניט) מאַר־טאַ!.. (זי הויבט אויף די אויגן צו אים, שמייכלט) ווייסט, איך האָב פאַרפאַסט פאַר דיר אַ ליד. (מארטא צעלאַכט זיך) וואָלסט זיך געמעגט שעמען!.. איך פאַרפאַס אַ ליד פאַר דיר — און דו לאַכסט גאָר... (זי שמייכלט ווייך) ווילסט, איך זאָל דיר זינ־גען?..

מאַרטאַ:

גערן.

אַנדריי:

אַט וועסטו הערן אַ מייסטערווערק. (זעצט זיך) כ'וועל זינגען:

און אליין זיך באגלייטן אויף א גיטארע. (הויבט אויף די לינקע האנט) דאס איז די גיטארע. פריער קומט דאס פארשפיל. (מאכט נאך א פארשפיל פון א גיטארע) און איצט — דאס ליד. מיין ליד פאר דיר ... (זינגט הארציק, פלעכט אריין אינמיטן באגלייטונג־אקארדן)

הינטער פעלדער, הינטער וועלדער
הינטער בערג און הינטער טאלן

א פרינצעסן איז געזעסן
אין א פאלאץ פון קרישטאלן — בים

הינטער פעלדער, הינטער וועלדער
אין איר חדר איינגעשלאסן

איז געזעסן א פרינצעסן
און מיט טרערן זיך באגאסן — בים

זאג בת־מלכה, זאג פרינצעסן
קאנסטו נים דיין צער פארגעסן ?
קאנסט נים אויפהערן דיין קלאג ?

ניין, איך קאן מיר נים פארגעבן
וואס ס'איז קורץ אזוי דאס לעבן — בים
און קירצער ס'ווערט פון טאג צו טאג

מארטא:

(פארטראכט) זייער שיין...

אנדריי:

באמת ?..

מארטא:

דאס ליד...

אנדריי:

ס'איז נים מיינס, דאס ליד. זעסט, כ'בין נים קיין ליגנער.

מארטא:

איך וויים, אז כ'איז נים דיינס. אבער דו זינגסט עס וואונדערבאר.

אַנדריי:

אַ שיינע מעשה!.. נאַטירלעך, זינג איך וווּנדערבאַר!.. פאַרשטייסט אייגנטלעך, וואָלט איך געדאַרפט גאָר זיין אַ זינגער. (לאַכן ביידע) גייען, כ'מיין ערנסט. אַמאָל האָב איך געחלומט רק צו ווערן אַ זינגער. כ'האָב מיך בלויז געוואַקלט: אַן אָפּערע־זינגער, צי אַ גאַסן־זינגער... (לאַכט) שאַ, אויב דיר געפעלט דאָס ליד, וועל איך עס דיר זינגען נאָך אַ מאָל, נאָר אַ ביסעלע אַנדערש און איצט טאַקע, אַן אייגענע שאַפונג, אויף מיין ערן־וואָרט... (שפּילט אַ שטאַרק־פאַראַדירט גיטאַרע־פאָרשפּיל און זינגט):

הינטער פעלדער, הינטער וועלדער
הינטער בערג און הינטער טאָלן
אַ פּרינצעסן האָט געפרעסן
הייסע בולבעס אין די שאָלן...

(לאַכט זיך הילכיק פאַנאַנדער, מאַרטאַ שמייכלט גוטמוטיק)

אַנדריי:

מאַרטאַ!

מאַרטאַ:

נו?..

אַנדריי:

זאָל איך דיר פאַרטרויען אַ סוד?..

מאַרטאַ:

פאַרטרוי.

אַנדריי:

טאַנצן קאָנען איך נאָך בעסער, ווי איך זינג.

מאַרטאַ:

אזוי?..

אַנדריי:

יאָ, אויף אַן אמתן אמת, וואָלט איך געדאַרפט גאָר זיין — אַ טענצער. (לאַכט פריידיק, לאַנג. מאַרטאַ קוקט אים אָן מיט אַ שמייכל) ווילסט טאַנצן מיט מיר?

מאַרטאַ :

ווו ?..

אַנדריי :

אַטאַ דאָ. שוין.

מאַרטאַ :

ניין, א דאַנק. זאָל זיין אַן אַנדערש מאָל.

אַנדריי :

און טאָמער וועט קיין אַנדערש מאָל ניט זיין ?..

מאַרטאַ :

עס וועט זיין.

אַנדריי :

אפשר ווילסטו, איך זאָל דיר ווייזן, ווי איך טאַנץ אויף די הענט?..

מאַרטאַ :

(קוקט אים אָן א ווײַלע, טיף ערנסט) ניין, אַנדריי, אַן אַנדערש מאָל.

אַנדריי :

ביסט ווידער געוואָרן אומעטיק...

מאַרטאַ :

איך בין ניט אומעטיק.

אַנדריי :

טאָ זאָג מיר : וועגן וואָס טראַכסטו איצט ?..

אָנזאָגער :

פרעג ניט, יינגל, וועגן וואָס זי טראַכט. מען טאָר ניט. אפשר טראַכט זי וועגן קינדער, וואָס מען פירט וואַגאָנענווייז, ווי קליי-נע שעפּעלעך, צום טויט ?.. אפשר זעט זי הענטלעך צוויי, קליי-נע, דאַרע הענטלעך צוויי, וואָס שטרעקן זיך צו איר, וואָס רייסן זיך צו איר, אין עלנט און אין אימה ?.. אפשר זעט זי קינדיש בלוט, וואָס גיסט זיך, און ניט דאָס בלוט נאָר פון איר אייגן

קינד, נאָר אויך פון אַנדערע, מיליאָנען אַנדערע, וואָס פליִצט און וואָס פאַרפליצט אַ וועלט אַ גאַנצע?.. פרעג ניט, ייִנגל, וועגן וואָס זי טראַכט. מען טאָר ניט אויפדעקן דעם תהום פון פּיין... (גייט צוריק אויף זיין פּלאַץ)

אַנדריי:

ענטפערסט ניט?..

מאַרטאַ:

אַנטשולדיק. כ'בין עפּעס היינט צעשטרויט...

אַנדריי:

מאַרטאַ, איך האָב געוואָלט ריידן מיט דיר.. (פאַרהאַקט זיך; זי הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אים אָן, וואַרט) אָ, דו ווייסט עס אַליין!.. (פּויזע) איך האָב דיך ליב, מאַרטאַ... דו ווייסט עס דאָך...

מאַרטאַ:

יאָ, איך ווייס...

אַנדריי:

דיין כאַן איז נעפאַלן... דו ביסט פריי, מאַרטאַ...

מאַרטאַ:

(פאַמעלעך) איך בין ניט פריי...

אַנדריי:

איך האָב דיך ליב... נאָך קיינמאָל ניט, נאָך קיינעם אַזוי ניט ליב געהאַט... (שטילער) איך וויל אַ קינד... פון דיר... לעצטנס טראַכט איך אַזוי אָפט: זאָל עפּעס בלייבן נאָך מיר... אַ קינד, מאַרטאַ, אונדזערס אַ קינד...

מאַרטאַ:

(אומעטיק רואיק) ביסט נאָך אַליין אַ קינד, אַנדריי..

אַנדריי:

מאַרטאַ, האָסט ניט קיין רעכט אַזוי צו ריידן!.. איך טאָר ניט דערציילן, אָבער ווען דו וואָלסט געוווסט, וואָס איך האָב שוין

בצוויזן אויפצוטאָן, כאָטש איך בין נאָך יונג... און ווען דו וואָלסט וויסן, וואָס איך וועל נאָך אויפטאָן... דו וועסט זען, מאַרטאַ... וועסט זען... (פויזע, שטילער) איך וויל דיר אויך זאָגן: אַ קינד — אָנשטאָט דעם, וואָס... זיי האָבן... ביי דיר צוגענומען...

מאַרטאַ:

(שאַרף) שווייג, אַנדריי!..

אַנדריי:

(לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ) זיי מיר מוחל...

מאַרטאַ:

מען גייט... (קוקט אויפן זייגער) דאָס איז פּיליפּ. (הערן זיך ביידע צו, מען קלאַפּט אויף אַן אָפּגערעדטן אופן, מארטא עפנט, פּיליפּ קומט אַריין)

פּיליפּ:

גוטן אָוונט...

אַנדריי, מאַרטאַ:

גוטן אָוונט.

פּיליפּ:

וואָס איז געשען, אַנדריי?.. ביסט ניט געווען אויפן טרעף־פּונקט אינדערפרי?..

אַנדריי:

איך בין געווען בייטאָג. אינדערפרי, אויפן וועג, האָט מיר עמיצער אָנגעהויבן נאָכצוגיין...

פּיליפּ:

איך האָב שוין איבערגעקלערט. די נאַכט זיינען ביי דיר אין געגנט געווען אַרעסטן.

אַנדריי:

ניט געהערט...

פּיליפּ:

אַנדריי!.. (רופט אים מיטן פינגער, ער זאָל צוגיין נעהענטער, אַנדריי גייט צו) און אויפגעגאַבע צו דערפילן... (פּויזע) אַ גרויסע אויפ־גאַבע... (קוקט אים אָן מיט אַ שמייכל)

אַנדריי:

(אומעטיק) איך בין גרייט.

פּיליפּ:

אין פּאַריז גופא!..

אַנדריי:

(ווי פריער) גוט.

פּיליפּ:

אין פּאַריז!.. דאָס ערשטע מאָל פאַר דיר!..

אַנדריי:

איך בין גרייט.

פּיליפּ:

(פאַרוואונדערט) וואָס איז מיט דיר, אַנדריי?..

אַנדריי:

וואָס זאָל דען זיין?..

פּיליפּ:

ביסט עפּעס מאָדנע אַזוי, ניט ווי געוויינלעך... וואָס איז? זאָג... (אַנדריי שווייגט) קיין שום ערנסטעס?.. (אַנדריי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין) וואָס דען?..

אַנדריי:

גאָרניט...

פּיליפּ:

גאָרניט?.. (קוקט אויף אַנדרייען און מאַרטאַ'ן; פּויזע; אַנדריי פייפט שטיל אַ ניגון) אַנדריי, אויף פּאָן־קראַוזע!..

אַנדריי:

(האָט פּלוצלונג איבערגעריסן דאָס פייפן) האַ?!

פיליפ:

אויף פאַן־קראַוזע!..

אַנדריי:

(האָט ווידער אויפגעשטראַלט) ווען?!?

פיליפ:

וויקטאָר וועט אונדז באַלד צו וויסן געבן.

אַנדריי:

(כאַפּט אים אָן פאַר ביידע הענט) פיליפ, איך בעט דיך, איך בעט דיך!.. טרויט עס מיר אָן!.. א י ך וועל!..

פיליפ:

אומעגלעך...

אַנדריי:

פיליפ!.. (נעמט אים אַרום) דו ווייסט ניט, ווי אומגעהויער וויכטיק דאָס איז פאַר מיר... הער, איך וויל באַווייזן, אַז מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף מיר... איך וויל באַווייזן, אַז איך בין ניט קיין קינד, אַז איך קאָן דערפילן יעדע גרויסע אויפגאַבע...

פיליפ:

נו, לאָז דאָך מיך אָפּ, ווילדער בחור, דו!.. (באַפּרייט זיך) קיינער ספקט ניט אַז דו קאָנסט דערפילן אַ גרויסע אויפגאַבע. אָבער ניט מיר באַשטימען דאָס מאָל די אויספירער.

אַנדריי:

ניט מיר?

פיליפ:

ניין. דער שטאַב באַשטימט. דער געדאַנק וועגן פאַן־קראַוזע איז אויפגעשוווּמען ניט נאָר ביי אונדז. נאָך אַנדערע גרופּן, ניט־יידישע, זיינען געקומען מיטן זעלבן פאָרשלאַג. פאַן־קראַוזע האָט אויף זיינע הענט דאָס בלוט פון טויזנטער פראַנצויזישע פריי־היים־קעמפער...

אַנדריי:

אָבער...

פיליפּ:

יאָ — אויך דאָס בלוט פון מיליאָנען ייִדן... פון די געטאָס פון ליטע און פוילן. האָבן מיר טאַקע געבעטן, האָבן מיר געפאָדערט, אַז דער כבוד פון אויספירן דעם אורטייל אויף פאָן־קראַוזע זאָל צוגעטיילט ווערן אונדז — אונדז, יידישע קעמפער פון פראַנק־רייך!..

אַנדריי:

נו?..

פיליפּ:

מען האָט אונדז געבעטן צושטעלן אַ פּלאַן.

אַנדריי:

אין וואָס באַשטייט ער?

פיליפּ:

ביז איצט איז צו פאָן-קראַוזע געווען אוממעגלעך צוצוקומען. ער איז שטענדיק באַוואַכט, גייט קיינמאָל ניט צופוס, פאָרט אַרום בסדר אין אַ פאַרפּאַנצערטן אויטאָ. פלעגט קיינמאָל אין ערגעץ ניט קומען.

אַנדריי:

און איצט?..

פיליפּ:

שוין אַ טאָג צען, ווי ער גייט יעדן אָוונט אין אַ קאַבאַרעט. צו אַ זינגערין. באַווייזט זיך צו איר אַרויסטריט, זיצט אַ פערטל שעה און פאָרט גלייך אַוועק.

אַנדריי:

פיליפּ, אין דעם פערטל שעה נעם איך מיך אונטער...

פיליפּ:

ס'איז ניט קיין סך אַ פערטל שעה. איבערהויפּט נאָך...

אַנדריי:

וואָס?..

פיליפ:

ווען מען איז אַזוי קליין אין צאָל.

אַנדריי:

דאָס הייסט... דו ספּקסט, צי מיר וועלן...

פיליפ:

ניין! מיר וועלן באַווייזן. מיר מוזן באַווייזן. אויב אַפילו... דער פּרייז...

אַנדריי:

פאַר יעדן פּרייז, פיליפ!.. ניט אמת?..

אַנזאָגער:

ערשט נעכטן האָט דער שונא אומגעבראַכט אַ גרופּע יונגע קעמפער — גוטע, האַרציקע חברים. און אַנדערע זיינען געפאַלן. און נאָך פיל אַנדערע פאַלן טאָג־איין, טאָג־אויס אין שלאַכט. און אָט איז אפשר זייער שעה (ווייזט אויף די דריי) שוין אויך ניט ווייט, ניט ווייט... איז וואָס אָבער, נו, איז וואָס?.. דאָרט און דאָ און אומעטום — שעכט מען אויס די לעצטע רעשטלעך פון אַ פאָלק, פון אַ גאַנצן פאָלק!.. די ערד זאַפּט איין אין זיך דאָס הייליק בלוט פון אַן אויסגעקוילעט פאָלק, פון אַ גאַנצן פאָלק!.. און אין די הימלען שפּרייט זיך הויך און ווייט דער רויך פון אַ פאַרברענטן פאָלק, פון אַ גאַנצן פאָלק!.. איז וואָס באַטייטן לעבנס — איינס און צוויי און דריי, אַפילו הונדערט?.. אַ מלחמה גייט — קעגן שלעכטס, קעגן בייז... און ווייט אין מזרח שטייען העלדיש ברידער־פעלקער און זיינען מקריב אין מיליאָנען די בעסטע זייערע, די יינגסטע זין... איז וואָס באַטייטן לעבנס — איינס און צוויי און דריי, אַפילו הונדערט?.. מען וועגט ניט קיין קרבנות אויפן וואָג־שאָל, מען מעסט ניט מיט אַ מאָס קיין בלוט... (גייט צוריק אויף זיין פּלאַץ)

אַנדריי:

פיליפ, ניט אמת?.. עס דאַרף קיין שום פּרייז ניט זיין צו טייער...

פיליפ:

יאָ, און זאָל אפילו די גאַנצע קליינע מחנה אונדזערע, ביז איי־נעם, דאַרפֿן פאַלן אין אומגלייכן קאַמף, וועלן מיר נאָך אַלץ בענטשן דעם גורל פאַרן פאַלן ווי שלאַכט־לייט, מיט געווער אין די הענט.

מאַרטאַ:

מען גייט. (אַלע הערן זיך צו) ס'איז וויקטאָר. (מען קלאַפּט אויף אַן אָפּגערעדטן אופן, זי עפנט, וויקטאָר קומט אריין)

וויקטאָר:

(פרייידיק) אונדזער פּלאַן איז באַשטעטיקט!..

פיליפ:

באמת?..

וויקטאָר:

באַשטעטיקט און אויסגעברייטערט. ס'וועט זיין אַ געמיינזאַמער אַרויסטריט פון הדרייי גרופן.

אַנדריי:

ווען??..

וויקטאָר:

מאָרגן אָוונט.

פיליפ:

גענוג צייט צוצוגרייטן?..

וויקטאָר:

עס מוז גענוג זיין. פּאַן־קראַוזע קאָן אויפהערן קומען אין קאַ־באַרעט.

אַנדריי:

(אָנגעשטרענגט) און איך... נעם אָנטייל?..

וויקטאָר:

אַלע, אַלע נעמען אָנטייל! מאַרטאַ, די דאָקומענטן... (מאַרטאַ דערלאַנגט אים פּאַפּירן) אָט איז דער פּלאַן פון קאַבאַרעט און

פון די שכנותדיקע גאַסן. באַטראַכט גוט, חברים. (אַלע בויגן זיך איבער איבערן פּלאַן) דאָס איז דער קאַבאַרעט. ווי איר זעט, אַ ביסל אין דער קווער, כמעט אויפן ראָג צווישן בולוואַר און אַט דער גאַס.

אַנדריי:

וויפל אַריינגאַנגען?..

וויקטאָר:

צוויי. אַ הויפּט־אַריינגאַנג פון בולוואַר און אַ צווייטער, אַ הינטערשטער, פון דער זייטיקער גאַס.

פיליפּ:

דורך וואַנען קומט מען פאַן־קראַוזע?

וויקטאָר:

דורכן בולוואַר.

אַנדריי:

וויפל אַזייגער?..

וויקטאָר:

אַרום צען. די זינגערין טרעט אויף פון צען, ביז צוועלף נאָך צען. נאָך איר נומער, גייט ער אַוועק.

פיליפּ:

ווי איז אָרגאַניזירט אונדזער אַקציע?..

וויקטאָר:

דריי גרופּן. איין גרופּע פון דריי, צוויי גרופּן פון צוויי און איין פאַרבינדלער. די הויפּט־גרופּע גייט אַריין אין קאַבאַרעט און פירט דאָרט אויס דעם אורטייל. די אַנדערע צוויי גרופּן שטייען ביי ביידע אַריינגאַנגען. זיי הויבן אָן מיט אַ דיווערסיע־אַקט און דערנאָך, בעת די הויפּט־גרופּע ציט זיך צוריק, דאַרפן זיי שיצן דעם צוריק־צוג.

פיליפּ:

ווי זיינען פאַרטיילט די כחות?..

וויקטאָר:

(טראכט א ווײלע, ווי ער וואָלט געספּקט, וואָס צו ענטפערן, איז אָבער באלד זיכער און דעצידירט) מיט דער גרופּע פון דריי אין קאַבארעט, פיר איך אָן.

פיליפּ:

און איך?..

וויקטאָר:

דו... דו פירסט אָן מיט דער גרופּע ביים הויפּט־ארייננגאַנג.

פיליפּ:

אַזוי איז באַשטימט?..

וויקטאָר:

יאָ.

פיליפּ:

און ביים צווייטן אַרייננגאַנג?..

וויקטאָר:

סערזש מיט א חבר פון זײַן אָפּטייל.

אַנדריי:

און... און איך?..

וויקטאָר:

דו ביסט מיט פיליפּן, ביים הויפּט־אַרייננגאַנג.

אַנדריי:

איז ניט מעגלעך... איך זאָל זײַן מיט דיר... אינעווייניק?..

וויקטאָר:

ניין, ניט מעגלעך. מיר קאָנען ניט ענדערן די פאַרטיילונג.

פיליפּ:

וואָס האָבן מיר צו טאָן?..

וויקטאָר:

דער פּלאַן איז אַ פּשוטער. אויפן בולוואַר איז היינט א גאַסן־

פּאַרוויילונג. דער פּאַרקער איז גרעסער, ווי געוועגלעך. דו און אַנדריי וועט זיך שטעלן ביי אַ ביידל, אַ מעטער צוואַנציק פון הויפּט־אַריינגאַנג, ריכטיק אַנטקעגן. דאָ וועט איר וואַרטן אויף אַ סיגנאַל. סערזש מיטן אַנדערן חבר וועט שטיין אין דער זייטיקער גאַס, טיפער, אַנטקעגן צווייטן אַריינגאַנג. דריי פּערטל אויף צען וועל איך מיט מיין גרופּע אַריינגיין אין קאַבאַרעט. אַלע דריי אין דייטשע אָפיציר־מונדירן. מיט מיר וועט זיין מאַרטאַ, מיין דאַמע. אַז פּאָן־קהאַוזע וועט אַריינקומען אין קאַבאַרעט און איך וועל זיין זיכער, אַז דאָס איז ער, און איך וועל זען, ווו ער זעצט זיך, וועט מאַרטאַ אַרויסגיין, כלומרשט אין טואַלעטן־צימער. זי וועט אַרויסגיין אויפן בולוואַר, דורכן הויפּט־אַריינגאַנג, און זיך שטעלן דאָ (ווייזט אויפן פּלאַן) אויפן מאַמע ראַג. פון דעם דאָזיקן אָרט וועלן זי קאָנען זען ביידע גרופּן — סיי איר, פון בולוואַר, סיי סערזש, פון דער נעבן־גאַס, און זי וועט אייך געבן דעם סיגנאַל. (הויבט אויף דעם קאָפּ, פאַרוונדערט) וואָס, מאַרטאַ ? . .

מאַרטאַ:

איך האָב גאָרניט געזאָגט.

וויקטאָר:

אַנטשולדיק ... אַלזאָ — מאַרטאַ וועט געבן דעם סיגנאַל. מיט אַ פּשוטן עלעקטרישן לעמפּל, נאָר איבערגעצויגן מיט רויט. אַ קליינע רויטע ליכט. מיטן לעמפּל וועט זי אָנצייכענען אַ האַלב־קרייז, בריער פון רעכטס אויף לינקס און גלייך דערנאָך, אויף צוריק — פון לינקס אויף רעכטס. אַ סעקונדע צוויי אויפגעוואַרט און נאָך אַמאָל דאָסזעלבע: פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס. דאָס וועט זיין דער סיגנאַל. האָסט באַנומען, מאַרטאַ ? . .

מאַרטאַ:

יאָ.

וויקטאָר:

ווי איר דערזעט דעם סיגנאַל, צום צווייטן מאָל, הויבט איר אָן זיך דערנענטערן פּאַמעלעך צום הויפּט־אַריינגאַנג. איר האָט

דורכצוגיין א צוואַנציק מעטער, אָבער סערזש — בערך פינף און הרייסיק. קוקן אויפן זייגער איז ניט מעגלעך. ס׳וועט זיין פינצטער. וועט איר ציילן. איר וועט איבערציילן פופציק, אין א נאָרמאַלן טעמפּאָ. דאָס דויערט עפּעס מער, ווי א האַלבע מינוט. די צווייטע גרופּע — דאָס:עלבע. ביי פערציק, שרויפט איר אָפּ די גראַנאַטן. דאָס זיינען אָפּענסיווע־גראַנאַטן, גיבן א שטאַרקן אויפרייס, אָבער מאַכן ניט קיין שאָדן. ביי פופציק, טוט איר א שליידער די גראַנאַטן אין אַריינגאַנג. אין דערזעלבער רגע וואַרפט אריין די צווייטע גרופּע אירע גראַנאַטן אין אַנדערן אריינגאַנג. ס׳וועט אויסקומען — א קאָנצענטרירטע אַטאַקע, פון אַלע זייטן מיט אַמאָל. און דאָן גלייכצייטיק, עפן איך א שיסעריי אינעווייניק, דירעקט אויף פּאָן־קראַוזע. (קוקט געשפּאַנט אויף פיליפּן און אנדרייען, ווארט, וואָס זיי וועלן זאָגן)

אַנדריי:

וווּנדערבאַר!.. א וווּנדערבאַרער פּלאַן!...

פיליפּ:

נו... און דער צוריקצוג.. פון דער אינעווייניקסטער גרופּע?..

וויקטאָר:

(ווי ניט פארשטייענדיק) מיט דער אינעווייניקסטער גרופּע פיר איך דאָך אָן...

פיליפּ:

איך מיין טאַקע: ווי אַזוי וועסט דו זיך צוריקציען?.. דו און דיין גרופּע?

וויקטאָר:

א פראַגע פון פלינקייט און קאַלטבלוטיקייט. מיינע צוויי באַגלייטער וועלן זיצן באַזונדער, ניט ארויסגעבן זיך מיט גאָרניט די גאַנצע צייט. און ערשט נאָכדעם, ווי איך וועל אויסשיסן אין פּאָן־קראַוזע, וועלן זיי עפענען א געדיכטע שיסעריי אין אַלע זייטן. אין דער מהומה וועט ניט זיין שטאַרק שווער ארויסצולויפן. אַלץ דאַרף געמאַכט ווערן בליץ־שנעל, ניט מער, ווי אין א פערציק־פופציק סעקונדן. איר, ביים אַריינגאַנג, דעקט דעם צוריק־

צוג. אויפן גאַס — צעשפּרייטן מיר זיך אַלע. אַט דורך די געסלעך. (ווייזט אויפן פּלאַן) די ריכטונג — די סטאַציעס פון מעטראָ.

אַנדריי:

אַלץ איז וווּנדערבאַר פּאַרויסגעזען!..

פיליפּ:

(נים גאַר איבערצייגט) יאָ ... (פּויזע) מאָרגן גלייך אינדערפרי ווען מיר דאַרפן געניי באַטראַכטן דעם פּלאַץ פון קאַבאַרעט, אַלע שכנותדיקע גאַסן און די געסלעך פון צוריקצוג.

וויקטאָר:

נאַטירלעך.

פיליפּ:

און איינעם בייטאָג — טרעף־פּונקט, ווי געוועגלעך.

אַנדריי:

ווייסט, וויקטאָר, איך בין דיר שרעקלעך מקנא ... ממש, די קנאה פרעסט מיך לעבעדיקערהייט ...

וויקטאָר:

(שמייכלט) פאַרוואָס?..

אַנדריי:

דו ווייסט פאַרוואָס ... א י ך האָב געוואָלט אויספירן דעם אור־טייל. אַ ווײַלע בין איך אפילו בייז געווען אויף דיר: פאַרוואָס קומט עס דיר און ניט מיר? .. (לאַכט גוטמוטיק) אין דער אמתן אָבער ווייס איך דאָך גוט, אַז איך קאָן נאָך דערוויילע צו דיר זיך ניט גלייכן ... (כאַפּט אים אָן פאַר ביידע הענט) אַך, וויקטאָר, וואָס פאַרא וווּנדערבאַרער אויפטו עס וועט זיין! .. דאָס שענסטע פון אַלץ, וואָס ס'איז ביז איצט געטאָן געוואָרן! ... דו שטעלסט זיך פאָר דעם איינדרוק, וואָס דאָס וועט מאַכן? ... איך בין ממש גליקלעך, וואָס איך נעם אָנטייל ...

וויקטאָר:

(נעמט אים ארום, האַרציק) ביסט אַ ווילער יאַט, אַנדריי ...

אַנדריי:

זאָג, וויקטאָר, איז טאַקע באמת ניט מעגלעך, דו זאָלסט מיך נעמען אין דיין גרופּע? .. כ'וואָלט אזוי געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן ...

וויקטאָר:

אַן אַנדערש מאָל, אַנדריי. אַלץ איז שוין באַשטימט. מיר ווען נאָך אַרבעטן צוזאַמען ניט איין מאָל... און איצט — גיי אַהיים. ס'ווערט שפּעט. ביסט געקומען דער ערשטער, דאַרפסטו אוועק דער ערשטער.
(אַנדריי זעגנט זיך מיט אַלעמען) און גיב אַכטונג אויפן וועג.

אַנדריי:

(צו פיליפּן) מאָרגן ניין אינדערפרי וועל איך זיין ביים קאַבאַרעט... (שוינט אינגאַנצן) כ'וועל זיך צוגרייטן ווי געהעריק... (צו וויקטאָרן) אַ שאָד, וואָס איך קאָן ניט זיין מיט דיר, אינעווייניק... אַ גוטע נאַכט, מאַרטאַ, זעסט, איך ווייס פאַרט דעם סוד... (מאַרטאַ באַגלייט אים צו דער טיר; ער זינגט שטיל: „איז געזעסן אַ פּרינצעסן“, לאַכט, גייט אַרויס: מאַרטאַ פאַרמאַכט די טיר. פּויזע)

וויקטאָר:

פּיליפּ! ...

פּיליפּ:

יאַ ...

וויקטאָר:

איך דאַרף מיט דיר ריידן ...

פּיליפּ:

(פאַרוווּנדערט) ביטע ...

מאַרטאַ:

זאָל איך אַרויסגיין? ..

וויקטאָר:

ניין, בלייב. פּיליפּ! ... (וואַקלט זיך) ניט איך בין באַשטימט אויף אָנפירן די גרופּע אין קאַבאַרעט.

פיליפ:

ניט דו?.. ווער זשע דען?..

וויקטאָר:

איינער פון אונדז ביידן. מיר דאַרפן אליין באַשטימען ווער. וואָלט איך געוואָלט, דאָס זאָל זיין איך. איך בעט דיך — זאָל דאָס זיין איך.

פיליפ:

און פאַרוואָס ניט איך?.. (וויקטאָר ענטפערט ניט; פויזע) אפשר טראַכסטו, אַז גראָד דו מוזט זיין דאָרט ווו די געפאַר איז די גרעסטע?..

וויקטאָר:

דו ווייסט זייער גוט, אַז איך טראַכט ניט אַזוי. קוקן דער געפאַר אין די אויגן, דרייסט, אומדערשראָקן, קאָנסטו פונקט ווי איך, און אפשר — נאָך בעסער פאַר מיר, רואיקער... אָבער אויספירן דעם אורטייל אויף פאָן־קראַוזע דאַרף איך.

פיליפ:

פאַרוואָס — דו?..

וויקטאָר:

ווייל איך בין אַ נקמה־נעמער.

פיליפ:

מיר זיינען אַלע נקמה־נעמער!..

וויקטאָר:

דו ביסט אַ זעלנער...

פיליפ:

אַלע זיינען מיר זעלנער!..

וויקטאָר:

גו, יאָ, געוויס. אָבער, פיליפ, פאַרשטיי מיך... ביי דיר, אינם האַרצן דיינעם, פאַרן שלאַכט און בעת דער שלאַכט, וואָס רעדט אַמשטאַרקסטן, וואָס קלינגט אַמהעכסטן?.. דאָס קול פון זעל-

נערישן חוב. און ביי מיר — טיפער ווי אַלץ און העכער פון אַלץ, הילכט אומאויפהערלעך, ווי אַן אייביקער רויש פון דעם ים, דער אָפּקלאַנג פון אומקום פון מיליאָנען.

פּיליפּ:

איינם שטאַרקט דאָס צווייטע....

וויקטאָר:

פּיליפּ, פאַר דיר איז פּאָן־קראַווע — אַן אויפגאַבע; אַ וויכטיקע, אַ גרויסע, אָבער — ניט מער ווי אַן אויפגאַבע. פאַר מיר איז עס — אַ שליחות... פון מיליאָנען!... אַ נקמה־שליחות פון אַ פאָלק אַ גאַנצן!.. דערלויב מיר אויספירן די שליחות, פּיליפּ!.. (ער ענט־פערט ניט) אויב אפילו דו האַלסט, אַז איך בין ניט גערעכט, אַז איך בין זיך טועה — דערלויב מיר. טו עס מיר צוליב, פּערזענלעך, ווי אַ טובה... (פּיליפּ שווייגט) געדענקסט, אויף די פעלדער פון אראַ־גאָן, אויף ברענענדיקער שפּאַנישער ערד, בעת עס האָט דיך געטראָפן די קויל פונם שונא און דו ביסט ליגן געבליבן... מיר זייַ־נען האָן אָפּגעטרעטן אין געאייל, אָבער איך האָב דיך ניט איבער־געלאָזט, נאָר גענומען אויף זיך און מיילנווייז געטראָגן אויף די אַקסלען, אונטער אַ האָגל פון פייער... איז איצט — בעט איך מיין לוין. מיט דער גרופּע אינעווייניק פיר א י ך אָן!...

פּיליפּ:

(נאָך אַ פּויזע) גוט... נו, איך גיי. מאָרגן בייטאָג, דורך מאַרטאַ'ן, ווי געוועגלעך. אַ גוטע נאַכט...

וויקטאָר:

אַ גוטע נאַכט. אַ דאַנק.

פּיליפּ:

רו זיך גוט אויס. און דו אויך, מאַרטאַ. (זעגנט זיך מיט איר) מאָרגן האָבן מיר אַ גרויסן טאָג... אַ גרויסן און ניט קיין לייכטן...
(גייט ארויס. מארטא מאכט נאָך אים צו די טיר. פּויזע)

וויקטאָר:

מאַרטאַ...

מאַרטאַ:

וואָס?

וויקטאָר:

ניט אמת — מיר גייען טאָן אַ וווּנדערבאַרע זאַך?..

מאַרטאַ:

יאָ...

וויקטאָר:

(שפּרייזט אַרום אַ ווײַלע, הין און צוריק, פאַרטראַכט) **וועסט זיך** דאַרפן אויספּוצן מאָרגן...

מאַרטאַ:

כ׳וועל אָנטאָן מײַן אָוונט־קלייד...

וויקטאָר:

און מאַכן זיך שיין — ווי עס דאַרף זײַן אַ דאַמע פון אַ רײַכסווער־אָפיציר...

מאַרטאַ:

כ׳וועל מיך באַמיען...

וויקטאָר:

ווייז ווי דו וועסט געבן דעם סיגנאַל. (גיט איר דאָס לעמפּל) פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס... זאָלסט האַלטן דאָס לעמפּל אַזוי, אַז סײַ פון בולוואַר און סײַ פון דער נעבן־גאַס זאָל מען זען דאָס ליכט. נו, ווייז!... (מאַרטאַ מאַכט די באַוועגונגען) אַזוי.... ניט צו הויך. איצט רו אָפּ צוויי־דרײַ סעקונדן און חזר איבער נאָך אַמאָל דאָסזעלבע. ניט צו שנעל. גוט... (זי גיט אים אָפּ דאָס לעמפּל) מאָרגן אינדערפרי, אויף דײַן טרעפונג מיט דער פאַר־בינדלערין פון שטאַב, וועט זי דיר איבערגעבן אַ פּעקל פאַר מיר. אַ דײַטשן אָפיצירן־מונדיר. וועסט עס אָוועקטראָגן אין מײַן לאָקאַל פון בולאָנער וואַלד.

מאַרטאַ:

גוט.

וויקטאָר:

דאָרט וועל איך זיך איבערטאָן. דעם שליסל האָסטו?..

מאַרטאַ:

יאָ.

וויקטאָר:

די פאַרבינדלערין פון דער לאַבאָראַטאָריע וועט דיר איבערגעבן דאָס געווער פאַר אונדז.

מאַרטאַ:

גוט.

וויקטאָר:

דוכט זיך — אַלץ. ניט אמת?

מאַרטאַ:

יאָ.

וויקטאָר:

(טראַכט אַ ווײַלע) פיליפּ האָט געזאָגט: מאָרגן איז פאַר אונדז אַ גרויסער טאָג... מיר דוכט — דער גרעסטער טאָג...

מאַרטאַ:

יאָ.

וויקטאָר:

דער גרעסטער טאָג פון אַלע ביז איצטיקע טעג... (פּויזע) איין זאַך טוט מיר בלויז באַנג: אַ צו לײַכטער טויט פאַר אים. אַ פּלוצלונגע קויל — ער וועט אפילו ניט פילן. אַ שאָד... אָט, מען וואָלט אים געדאַרפט אין אַ גאַז־קאַמער, ווי ער האָט עס געטאָן... און סמען פּאַמעלעך, פּאַמעלעך... אָדער פּשוטער, פאַרן האַלז — איך אַליין וואָלט אים אַזוי: שטיקן און אָפּלאָזן שטיקן און אָפּלאָזן... און זעטיקן זיך מיט דער גסיסה זײַנער... (פּויזע, שמייכלט מילד) האַלסט מיך פאַר אַ בלוטדורשטיקן, האַ?..

מאַרטאַ:

(מיט אַ ציטער) אָ, ניין, וויקטאָר!..

וויקטאָר:

איך ווייס, מען האָט מיר געמאַכט אַ שם אַזאַ ...

מאַרטאַ:

מיר זיינען אַלע שטאָלץ מיט דיר, וויקטאָר! ...

וויקטאָר:

(ווי ניט הערנדיק) אין דער אמתן, פאַרטראָג איך ניט קיין בלוט. איך האָב פון שטענדיק אָן געהאַט פאַר בלוט עפּעס אַ ווידער־געפיל און אַזוי ווי אַ מורא און אָן עקל גלייכצייטיק. אָבער איצט ... זייער בלוט וואָלט איך טייכנווייז פאַרגאָסן ... כאָטש, דער עקל איז פאַרבליבן. איך געדענק, בעת איך האָב דאָס ערשטע מאָל אַוועקגעלייגט אַ געשטאַפּאָ־אָפיציר ... ס'איז געווען אין מעטראָ ... איך האָב אויסגעשאָסן און דערזען, אין איין אויגנבליק, ווי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און ברייט צועפנט דאָס מויל און, מיט אַ מאָל, האָט בלוט אַ זעץ געגעבן ... איך האָב אָנגעהויבן ברעכן, ברעכן, ניט געקאָנט זיך באַהערשן ... געבראָכן, לויפנדיק ... דערנאָך בין איך געווען קראַנק ... (שמייכלט אומעטיק) די ערשטע פייער־פּראָבע. שוין לאַנג אין דעם ... אפשר, ניט אַזוי לאַנג אין צייט, נאָר אַזוי פיל זאַכן זיינען פאַרביי ... (פאַרטראַכט זיך)

מאַרטאַ:

וויקטאָר! ..

וויקטאָר:

וואָס? ...

מאַרטאַ:

(וואַקלט זיך) ביסט ניט מיד? ..

וויקטאָר:

ניין.

מאַרטאַ:

קיינמאָל ניט? ..

וויקטאָר:

ניין ... פאַרוואָס ? ..

מאַרטאַ:

אַזוי ...

וויקטאָר:

און דו ביסט מיד ? ..

מאַרטאַ:

אָ, ניין ! ..

וויקטאָר:

אַלץ איינס — דאַרפסט זיך אויסרוען. איך גיי שוין. ס'איז שפּעט.

מאַרטאַ:

וויקטאָר ! .. (וויל עפּעס זאָגן, באַשליסט זיך ניט; ער קוקט זי אָן, וואַרט שווייגנדיק) וויקטאָר, צי פילסטו ניט אַמאָל, אין אַנווּעזנהייט פון עמיצן, ווי דו וואָלסט אַזוי ווי געוואַקסן, אַזוי ווי אויפגעהויבן זיך איבער זיך אַליין, געוואָרן אַנדערש — עפּעס בעסער, שענער, מוטיקער ? .. (זי רעדט אַלע מאָל שטילער, רייסט לסוף איבער) איך רייד נאַרישקייטן, האַ ? .. (וויקטאָר ענטפערט ניט) זאָג, דו פילסט עס קיינמאָל ניט ? ..

וויקטאָר:

(פאַמעלעך) איך ווייס ניט ...

מאַרטאַ:

האָסט עס קיינמאָל ניט געפילט ? ..

וויקטאָר:

אפשר — אַמאָל ... גאָר אַמאָל ...

מאַרטאַ:

(מיט אַ ציטער) און היינט ? ..

וויקטאָר:

היינט ? .. היינט איז אַלץ פאַרטרונקען אין בלוט ... טייכן, ימען בלוט ... און פונם בלוט טראָגט זיך אַ געשריי: נקמה ...

מאַרטאַ:

זיי מיר מוחל... (פויזע) וויקטאָר!.. (ער הויבט אויף דעם קאָפּ צו איר) ביסט קיינמאָל ניט טרויעריק?..

וויקטאָר:

איך בין שטענדיק פול מיט טרויער — דו ווייסט עס...

מאַרטאַ:

און פילסטו ניט אַזוי, ווי ס'וואָלט געקאָנט זיין עמיצער, וואָס זאָל דיין טרויער פאַרווישן?..

וויקטאָר:

(פאַמעלעך) ניין... איך פיל, אַז מיין טרויער — וואָס איז אונדזער אַלעמענס טרויער — וועט קיינער און קיין זאַך קיינמאָל ניט קאָנען פאַרווישן...

מאַרטאַ:

און אפילו ניט מאַכן פאַרגעסן?..

וויקטאָר:

אפילו ניט מאַכן פאַרגעסן.

מאַרטאַ:

פילסטו ניט אַמאָל, ווי שווער, ווי שרעקלעך שווער עס איז צו זיין אַליין, ווען מען טראָגט בלויז אומגליק אין דער טיפעניש פון זיך?..

וויקטאָר:

מיר זיינען פראָנט־קעמפער. עס גייט אַ שלאַכט. יעדערער פון אונדז מוז איינגראָבן זיך אין זיין טראַנשיי.

מאַרטאַ:

אָבער פילסטו ניט אַמאָל, אַריינגעצווונגען אין דיין איינזאַמער טראַנשיי, אַזוי ווי דו וואָלסט באַגערט, מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן גאַנצן וועזן דיינעם, אַז עמיצער זאָל זיין נעבן דיר, זאָל זיין מיט דיר?.. אַ?.. זאָג!..

וויקטאָר:

איך ווייס ניט...

מאַרטאַ:

צי פילסטו עס קיינמאָל ניט?.. אַזוי ווי דו וואָלסט געווען איין גרויסער דורשט, איין גרויס געשריי — נאָך אַן אַנוועזנקייט, נאָך אַ נאָהענטקייט?.. מען זאָל דיך, — ניט מער, ווי אָנעמען ביים האַנט?.. מען זאָל דיר, ניט מער, ווי אָנרירן די האָר דיינע?.. צי פילסטו ניט, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען עמיצער, וואָס פאַר איין טאָג, פאַר איין שעה פון אַזא נאָהענטקייט זיינע, וואָלסטו געווען גרייט בדאי אָפּגעבן דאָס גאַנצע לעבן דיינס?..

וויקטאָר:

(נאָך אַ פויזע, שטיל) אונדזער לעבן געהערט ניט צו אונדז...

מאַרטאַ:

אָבער — פאַרגעסן עס: כאָטש איין טאָג, כאָטש איין שעה?!..

וויקטאָר:

ניין, מאַרטא, מיר האָבן ניט קיין רעכט צו פאַרגעסן... מיר האָבן ניט קיין רעכט...

מאַרטאַ:

יאָ... (מיט אַ געענדערטער שטימע) וויקטאָר, מאָרגן האָבן מיר אַ גרויסן טאָג. אָבער — איבערמאָרגן...

וויקטאָר:

מיר האָבן בלויז דעם מאָרגן, מאַרטא... איך גיי. אַ גוטע נאַכט... (זעגנט זיך מיט איר)

מאַרטאַ:

(שטיל) אַ גוטע נאַכט... (באַגלייט אים; שוין ביי דער טיר, נעמט זי אים אָן פאַר אַ האַנט) וויקטאָר!..

וויקטאָר:

וואָס איז?..

מאַרטאַ:

וויקטאָר... זיי מיר מוחל... (קאָן ניט אַרויסריידן) גיי ניט אַוועק פון מיר היינט... וויקטאָר, וויקטאָר... בלייב מיט מיר...

(מען הערט זי קוים) בלייב מיט מיר די נאכט... (זי האָט אים אָנ־גענומען שטיל פאר ביידע הענט; ער בלייבט שטיין א פארטראכטער, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ).

פּ אָ ר ה אַ נ ג

ב י ל ד צ וו יי

אָ נ ז אָ ג ע ר :

(פארן פאָרהאַנג) אַלץ איז גרייט! אַלע שטייען אויף די פּאָסטנס. דאָס געווער איז שוין פאַרטיילט. עס וואַרעמט אַזוי וווּנדערלעך דאָס האַרץ די קעלט פון רעוואָלווערן און גראַנאַטן... אַך, ניט באַשערט געווען די גרויסע פרייד — אונדזערע ברידער דאָרט, די גרויסע פרייד פון קאָנען פייערן מיט פייער אויפן שונא... אַלץ איז גרייט. שוין אויסגעזעצט זיך ברייטלעך דער רוצח און לאַכט און טרינקט אַ כוס מיט וויין, מיט וויין, וואָס שוימט און רויטלט זיך, ווי בלוט — ווי דאָס פאַרגאָסן בלוט פון אַ פאָלק, פון אַ פאָלק אַ גאַנצן... און גרייט איז אויך די האַנט שוין פון נקמה, און הויבט זיך באַלד, און שטרעקט זיך באַלד, און האָגלען וועט זי באַלד מיט קוילן — פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון אַ פאָלק, פון אַ פאָלק אַ גאַנצן... און גרייט איז אויך דער שפּיצעל און דער קוילער — ער זיצט פאַרטאַיעט, כלומרשט גלייכגילטיק און קאַלט, אָבער ס'רוט זיין אויג ניט אויף קיין רגע, און ווי אַ שפּיז זיין בליק, וואָס לעכערט דורך און דורך און זוכט און נישטערט דאָ זיין קרבן... אַלץ איז גרייט!.. אַלץ איז גרייט צו וואַרפן זיך אין שפּיל פון בלוט און טויט... און דער אָוונט איז אַזוי לויטער... און דער אָוונט איז אַזוי שטיל... און אַזוי ליכטיק פינקלען די שטערנס אויפן הימל... ליכטיק און ווייט און קאַלט — קוקן שטערנס חדושדיק אַראָפּ, צו זען, ווי ס'וועט געשען, וואָס דאַרף געשען... ווי ס'וועט געשען, וואָס חאַרף געשען... (גייט אַרויס)

בילד דריי

א פלאץ אויף א פאריזער בולוואר. אוונט. פארמאכטע בײדלעך פון א גאסן־פארוויילונג. פון הינטער דער סצענע דערטראגט זיך דאס שפילן פון א מעכאנישער פיאנע, ווארשײנלעך אויף א קארוזעלע. אויף די טרעפ פונם אטראקציע־בײדל „די פרוי אן א קאפ„ שטייט א מיטליאריקער פראנצויז און באמיט זיך מיט אלע כחות צוציען די לעצטע, פאר־שפעטיקטע דורכגייער. ער קלינגט אין א גלאק, ליארעמט, פילדערט, מאכט העוויות. בײם בײדל שטייען פיליפ און אנדריי.

פראנצויז:

צען פראנק, מיינע הערן און דאמען!.. צען פראנק פארן גרעסטן וווּנדער אין דער וועלט!.. די פרוי אן א קאפ!.. קומט אריין זען די פרוי אן א קאפ!.. (קלינגט) ניט קיין מליצה און ניט קיין געלעכטער... ניט קיין פארבלענדעניש און ניט קיין נארעריי... איר קענט אלע, מיינע הערן, פרויען אן שכל, פרויען אן חן, פרויען אן טעם, אן לייב און לעבן... אבער קיינער פון אייך האט ניט געהאט דאס גליק — איך חזר איבער: דאס גליק! — צו טרעפן א פרוי אן א קאפ... א פרוי אן א קאפ!.. א פרוי אן א קאפ!.. (קלינגט) קיינמאל ניט קיין קרומע מינע... קיינמאל ניט קיין הויך וואָרט... אייער חלום, מיינע הערן, אייער אידעאל!.. צען פראנק, בלויז צען פראנק פאר אייער אידעאל!.. א יונגע, א בלענדנדיקע פרוי, וואס איז געבוירן געוואָרן אן א קאפ און וואס איז, אן א קאפ, אויפגע־וואקסן פאר א בילדישן פארשוין... קומט זען דעם גרעסטן וווּנדער פון אלע צייטן — די איינציקע פרוי אויף דער וועלט, וואס האט קיינמאל דעם קאפ ניט פארלוירן, די איינציקע פרוי אויף דער וועלט, וועמען קיין שום מאן האט קיינמאל דעם קאפ ניט פארדרייט — קומט זען די פרוי אן א קאפ!.. די פרוי אן א קאפ!.. (קלינגט) נו, וואס, מיינע הערן, מען גייט אריין א קוק טאן?..

פיליפ:

ניין, א דאנק. מיר האבן שוין געזען.

פראנצויז:

הא, ווען?..

פיליפ:

היינט אינדערפרי.

פראנצויז:

אינדערפרי? .. אינדערפרי איז נים אין אוונט. פונוואנען ווייסט איר, אז עס פעלט איר נאך הערזעלבער קאפ? .. (צעלאכט זיך הילכיק, הויבט אן צענויפנעמען זיינע מכשירים — דעם גלאק, דעם לאמפ א. א. וו.)

אנדריי:

(רעדט אפגעהאקט מיט א באמערקבארער אנשטרענגונג) האסט נים באמערקט? זיי זיינען שוין ... ארויין? ..

פיליפ:

נים באמערקט. אגב — נים נויטיק זיך אנשטרענגען צו קוקן. סיי ווי איז פינצטער. מיר ווארטן אויפן סיגנאל.

אנדריי:

איך ווייס נים, וואס ס'איז מיט מיר היינט. עפעס א נערוועזער צוק אזא... און דאס ערגסטע איז — דאס ווארטן ... זאלן מיר נאר אמאל נים פארזען דעם סיגנאל...

פיליפ:

מיר וועלן נים פארזען, קאנסט זיין רואיק.

אנדריי:

פיליפ! ..

פיליפ:

וואס איז?

אנדריי:

טאמער פיל איך.. טאמער פיל איך, אז די הענט ציטערן ביי מיר? ...

פיליפ:

זאלסטו זיך דערמאנען אן דיין מאמען, אן דיין טאטן, אן דיינע ברידער, אן דיינע שוועסטער — וועלן דיר געשטארקט ווערן דיינע הענט.

אַנדריי:

איך בין דיר אזוי מקנא דיין רואיקייט, פיליפּ! ..

פיליפּ:

וועסט אויך אזוי ווערן, מיט דער צייט...

דייטש:

(א יונגער סאָלדאט, איז געהאט צוגעגאנגען צום בײדל "א פרוי אָן א קאָפּ", לאנג באטראכט די געמעלעכצן, די אויפשריפטן, דעם פראנצויז, וואָס האָט זיך אלץ ארומגעפּאָרעט, לסוף זיך באשלאָסן און אויסגע־שטרעקט א צען־פראנק באנקנאָט) ביטע! .. צען פראנק! .. די פרוי! ..

פראַנצויז:

הא? ..

דייטש:

(ווי פריער) צען פראנק! .. די פרוי! .. די פרוי! ..

פראַנצויז:

ניט געטראָפן דאָס אָרט, גוטער ברודער. פרוּיען גיי זוכן ערגעץ אַנדערש. (פרוווט געבן צו פארשטיין) דאָ — ניט קיין פרוי. דאָ — א פרוי אָן א קאָפּ. אָן א קאָפּ! פארשטייסט? .. אָט — דער קאָפּ! .. (נעמט זיך אָן פאר ביידע אויערן, דרייט דעם קאָפּ אין אלע זייטן, דער דייטש פאָלגט נאָך אויפמערקזאם אלע זיינע באוועגונגען) דער קאָפּ! .. (דער דייטש מאכט א צייכן, אז ער פארשטייט) איז אָן, ניטאָ, אוים, קאַפּוט, פּפיוּט! .. (מאכט א באוועגונג, ווי ער וואָלט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און דער קאָפּ פליט אוועק אין דער הויך) אָן א קאָפּ! .. נו, וואָס, פארשטאנען? ..

דייטש:

(מיט ענטוזיאזם) יא, יא! .. אָן א קאָפּ! .. ביטע — צען פראנק... אָן א קאָפּ! .. אָן א קאָפּ! ..

פראַנצויז:

צו שפּעט.

דייטש:

הא? ..

אָנזאָגער:

צו שפּעט שוין היינט.

דייטש:

צו שפּעט?..

פראַנצויז:

יאָ.

דייטש:

פאַרוואָס צו שפּעט?..

פראַנצויז:

די פרוי און אַ קאָפּ דאַרף גיין עסן וועטשערע.

דייטש:

(דערשטוינט) דאַרף גיין עסן וועטשערע?.. אָן אַ קאָפּ — עסן?..

פראַנצויז:

יאָ, עסן, צו אַלדע רוחות!.. וואָס דען, מיינסטו, נאָר איר דאַרפט עסן?!.. און מיר — ארויסשטעקן דעם צונג?..

דייטש:

(אנטשלאָסן) זען די פרוי אָן אַ קאָפּ עסן!.. ביטע — צען פראנק!

פראַנצויז:

אָנגעזעצט זיך, אַ ניט גוטער, דער טייוול כאַפּט אים... ס'איז שפּעט, זאָג איך דיר... די פרוי אָן אַ קאָפּ דאַרף גיין שלאָפן...

דייטש:

(אויסער זיך) שלאָפן??!..

פראַנצויז:

יאָ. זי איז מיד. קאָן דעם קאָפּ ניט האַלטן. די אויגן קלעפּן זיך איר צו...

דייטש:

שלאָפן — אָן אַ קאָפּ???..

פראַנצויז:

יאָ, זאָג איך דיר. שלאָפן!.. ליולי!.. שלאָפן!.. (מאַכט באַוועגונגען אויפצוקלערן, וואָס דאָס איז אזוינס שלאָפן)

ז

דייטש:
ביטע, צען פראנק!.. צוואנציק פראנק!.. זען פרוי אָן א קאָפּ שלאָפן!..

פראַנצויז:
אַז דער טייוול זאָל דיך נעמען!.. ניטאָ, זאָג איך!.. פאַר מאכט!... שפּעט!.. ניקס!.. ניקס!.. ררהאָוס!!!. (גייט ארויין אין ביידל, פארקלאפט די טיר)

דייטש:
(שטייט אַ ווײַלע, קוועטשט מיט די פּלייצעס, מורמלט) גאַנץ משוגע..
(גייט לאנגזאם ארויס. פויזע)

אַנדריי:
(מיט א פארשטיקטן קול) דער סיגנאַל!..

פיליפּ:
יאָ, ווארט... באַלד קומט דער צווייטער...

אַנדריי:
אָט!.. נאָך אַ מאָל!.. (הויבט אָן ציילן פיבערהאַפט-שנעל) איינס — צוויי — דריי — פיר — פינף — זעקס...

פיליפּ:
(פארמאכט אויג דאָס מויל) רואיק, רואיק... (ציילט גלאַסן) פינף, זעקס, זיבן, אכט, ניין... (הויבן ביידע אָן גיין אויף לינקס, אין דער ריכטונג פון קאבארעט) צען, עלף, צוועלף, דרייצן, פערצן...

אַנדריי:
(הייס און ציטערנדיק) פאַר מיין מאַמען!.. פאַר מיין טאַטן!.. פאַר די שוועסטער!.. פאַר די ברידער!..

פיליפּ:
(רואיק, ווי פריער) אכט און צוואנציק, ניין און צוואנציק, דרייסיק, איין און דרייסיק....

(פון הינטער דער סצענע דערטראָגט זיך כסדר דאָס שפּילן פון דער מע־כאנישער פּיאַנע).

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

וויקטאָר, אַ פאַרוווּנדעטער, מיט קײטלעך אויף די הענט. דער אויס־פאַרשער, אַ מיטליאָריקער דיקער דײַטש.

אויספאָרשער:

ביסט אַ ייד, האַ?.. זאָג — אַ ייד?... (וויקטאָר ענטפערט ניט) וואָס שווייגסטו?!.. ווילסט איך זאָל דיך הייסן נעמען נאָך אַמאָל אַהין?!.. ענטפער!..

וויקטאָר:

(רעדט שווער) איך וועל קיין וואָרט ניט זאָגן... אויב מען וועט מיך דוצן...

אויספאָרשער:

(טוט זיך אַ ריס פון אָרט, פאַרמעסט זיך מיט דער פויסט, באַרעכנט זיך אָבער אינמיטן דער באַוועגונג, זעצט זיך צוריק, לאַכט בייזיק) אַ, אַנטשולדיקט, מיין האַר... נעמט ניט פאַר אומגוט... (ווילד) אַלזאָ??!.. וואָס??!!..

וויקטאָר:

איך בין אַ ייד! אַ ייד.. און אַ נקמה־נעמער...

אויספאָרשער:

אַ נקמה־נעמער??.. (ברעכט אויס אין אַ הילכיקן געלעכטער) קאַרל!.. (ס'באַווייזט זיך אַ קאָפּ פון אַ סאָלדאַט) אַ פלאַש פאָרט־ווײַן מיט אַ גלאָז! (דער קאָפּ פאַרשווינדט, ער שרייט אים נאָך) מיט צוויי גלעזער!.. (לאַכט. קאַרל ברענגט אַריין אַ פלאַש ווײַן מיט צוויי גלעזער און גייט אַרויס. דער אויספאָרשער גיסט אָן ביידע גלעזער, רוקט צו איינע צו וויקטאָרן) טרינק.. פאַר דיין געזונט, נקמה־

נעמער!.. און פאר הער נקמה — אָבער, פאר אונדזער נקמה!.. (טרינקט אויס)

וויקטאָר:
זי איז שוין ניט ווייט... די שעה פון באצאָלונג...

אויספאָרשער:
דאָס ווערסט דו זי דערנענטערן, אפשר?..

וויקטאָר:
מיר זיינען ניט אליין... די וועלט די גאנצע...

אויספאָרשער:
אהא — די וועלט גייט מאָנען אייער חשבון, וואָס?.. זיך אָנעמען אייער קריוודע?..

וויקטאָר:
די רויטע ארמיי... שטייט שוין ניט ווייט... פון פרייסן.

אויספאָרשער:
ניט דו ווערסט דערלעבן זען, ווי זי וועט אהין אריין!

וויקטאָר:
ניט וויכטיק... אבי דו ווערסט עס זען... דו און אלע דייניקע...

אויספאָרשער:
אָבער ניט די יידן, הא?!.. ס'וועלן ניט זיין מער קיין יידן אויף דער וועלט!..

וויקטאָר:
עס וועלן זיין!.. פון אייך, רוצחים, וועט שוין לאנג... קיין זכר ניט בלייבן... אויף דער ערד... און יידן וועלן נאָך זיין... איר האָט... די מלחמה פארשפילט...

אויספאָרשער:
(רייסט זיך אויף פון פלאַץ) ניט מיר!.. דאָס האָט איר זי פארשפילט!.. איר — פארשאָלטענע!.. (גיסט זיך אָן נאָך א גלאָז

ווין, טרינקט אוים האַסטיק, מורמלט) ,אומזין ... אומזין ... (פויזע) וויקטאָר — דאָס ביסטו, האַ? !.. דו ביסט וויקטאָר? ? !.. זאָג!.. (דערמאָנט זיך) דאָס זענט איר וויקטאָר? ..

וויקטאָר:

ניין!

אויספאָרשער:

דאָס זענט איר!..

וויקטאָר:

ניין.

אויספאָרשער:

אומזין... מען האָט אייך אויסגעגעבן!..

וויקטאָר:

קיינער האָט מיך... ניט אויסגעגעבן...

אויספאָרשער:

יאָ, זאָג איך!..

וויקטאָר:

ניין.

אויספאָרשער:

און אַז איך וועל אָנרופן אַ נאָמען, וואָס וועט זיין? ..

וויקטאָר:

עס האָט מיך קיינער...

אויספאָרשער:

גוט, וועל איך אָנרופן!.. (אויסוואַרטנדיקע פויזע) אַנדריי!.. (זוכט צו דערקענען דעם איינדרוק אויף וויקטאָרן) דאָס האָט אַנדריי...

וויקטאָר:

איך קען ניט... קיין אַנדריי...

אויספאָרשער:

דו קענסט ניט? .. נאַ זע!.. (רוקט אים צו אַ פאָטאָגראַפיע)

קוק גוט! ... איצט קענסטו שוין, וואָס? .. האָסט שוין דערקענט? ..

וויקטאָר:

איך האָב קיינמאָל ... אזא ניט געזען ....

אויספאָרשער:

אומזין! .. אומזיניקע עקשנות! .. קאַרל! .. (קאַרל שטעקט אַריין דעם קאָפּ) היים אַריינקומען דעם נומער דריי און צוואַנציק! (קאַרל פאַרשווינדט) באַלד וועסטו הערן אַליין. (ס'קומט אַריין א מגושמדיקער געהיים־אגענט, גריסט מיליטעריש)

געהיים־אַגענט:

צום באַפעל, הער אויספאָרשער! ..

אויספאָרשער:

דערצייל, ווי דו האָסט פאַרהאַלטן אָט אָ דעם ... (ווייזט אויף וויקטאָרן)

געהיים־אַגענט:

צום באַפעל! .. דאָס האָט געדאַרפט זיין אזוי פינף מינוט נאָך צען, און אפשר — זעקס מינוט, ניט שפּעטער. איך בין געזעסן אויף מיין פּלאַץ אין קאַבאַרעט, ווו שטענדיק, אין ווינקל ביים אַריינגאַנג. אין זאַל איז געווען — עע, ווי זאָל איך זאָגן? — ניט ליכטיק און ניט פינצטער. אויף דער בינע האָט די זינגערין געהאַלטן אין רעכטן מיטן פון איר לידל ... אָט דאָס הייסט א לידל! ... (צעלאַכט זיך מיט א לאַנגן, אומזיניקן געלעכטער)

אויספאָרשער:

גענוג! ..

געהיים־אַגענט:

איך בעט פאַרצייען, הער אויספאָרשער. ווי איר קוקט מיך אָן, דער גאַנצער זאַל האָט געקייכט פון געלעכטער! ... (צעלאַכט זיך ווידער)

אויספאָרשער:

גענוג, זאָג איך! ..

געהיים־אַגענט:

(הערט אויף צו לאַכן, ציט זיך אוים ווי אַ סטרונע) צום באַפעל, הער אויספאָרשער!..

אויספאָרשער:

איך בעט ניט קיין געגויעם ראַפּאָרט וועגן אָוונט. דערציילט בלויז, ווי דו האָסט אים פאַרנומען.

געהיים־אַגענט:

ווי איך האָב אים פאַרנומען?..

אויספאָרשער:

יאָ.

געהיים־אַגענט:

(טראַכט אַ ווײַלע, ווייס ניט פון וואַנען אָנצוהויבן) ס'איז געווען... ער איז אַרויסגעלאָפן. איך נאָך אים. ביים אַרויסגאַנג, האָט עס געקנאַלט פון אַלע זייטן. עהע, מיך שרעקט מען ניט אָפּ מיט קוילן! ניט דאָס ערשטע מאָל ביי דער אַרבעט!.. ער לויפט. איך נאָך אים. ער פאַרשווינדט אין אַ זייטיק געסל. איך לאָז מיך אַהין. כ'קום צו, ס'איז שטאָק־פינצטער, אָבער ממש, הער אויס־פאָרשער, מיטן האַנט די פינצטערניש צו טאַפּן. קיין טריט הער איך ניט. שטיל. טראַכט איך — אָנצינדן מיין לאָמפּ, ניט אָנ־צינדן?.. ערשט, כ'באַמערק: עמיץ ליגט אויף דער ערד און אַ צווייטער, איינגעבויגן איבער אים, שלעפּט אים אַזוי, ווייל אים אויפהויבן און רופט שטילערהייט: וויקטאָר, וויקטאָר!.. אַזוי כסדר: וויקטאָר, וויקטאָר!.. האַ, אויף מיר קאָן מען זיך פאַר־לאָזן, הער אויספאָרשער!.. כ'האָב מיך פאַרגנבעט פון הינטן און, מיט איין מאָל, אַזוי אַ פאָר אַריין!.. מיטן פוס, צו פאַר־געבנס, אין די באַלעמאַים אַריין, און מיטן האַנט, מיטן רעוואָל־ווער, אַ טראַך אין שאַרבן... (לאַכט צופרידן) דער בעל־דבר האָט אַ פּיפּס אפילו ניט באַוויזן צו געבן... (לאַכט) כ'האָב אָנגעצונדן מיין לאָמפּ: ער (ווייזט אויף וויקטאָרן) איז געלעגן אין אַ קאַלוזשע בלוט, די אויגן פאַרגלייזט... דער צווייטער, דער יונגער יאַט, נעבן אים, ווי אַ שעפּסעלע... (לאַכט) נאָכדעם, אַז מיר האָבן געפּאַקט דעם דריטן פויגל...

אויספּאַרשער:

(רייסט אים איבער) געננוג! קאָנסט גיין.

געהיים־אַגענט:

צום באַפעל, הער אויספּאַרשער! ... (גריסט, גייט אַרויס. וויקטאָר איז קענטיק דערשלאָגן)

אויספּאַרשער:

נו, וואָס? .. ווּעסט נאָך לייקענען, האַ? .. אומזין! .. דו ביסט וויקטאָר. (וויקטאָר שווייגט) לאַנג געוואַרט אויף דיר, אָבער דערוואַרט זיך. (לאַכט) איצטער וועלן מיר דורכקוקן דיין חשבון ... (בלעטערט זיינע פּאַפּירן; שאַרף) וויפל שלאַכטלייט אונדזערע האָסטו דערהרגעט? .. זאָג! ..

וויקטאָר:

ווייניק ... איך באַדויער ... וואָס אַזוי ווייניק ...

אויספּאַרשער:

שווייגן! .. אָדער — אפשר ווילסטו נאָך אַ מאָל אהין, אַ? ! .. עס האָט זיך דיר פאַרבענקט? .. פאַרשאַלמעטע! .. (מורמלט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, גיסט זיך אָן אַ גלאָז וויין, טרינקט אויס) דאָס האָסטו אָנגעהויבן די שיסעריי אין קאַבאַרעט?

וויקטאָר:

איך.

אויספּאַרשער:

דו ביסט דער ראָש פון דער באַנדע? ..

וויקטאָר:

איך בין ... אַ פּשוטער זעלנער ... אַ זעלנער פון דער פראַנצויזישער פרייהייט־אַרמיי ...

אויספּאַרשער:

האָסט געזאָגט: אַ נקמה־נעמער

וויקטאָר:

יאָ, איך האָב פאַרנומען דאָס געשריי ... פונם אומשולדיקן יידישן בלוט ... וואָס איר האָט פאַרגאָסן ..

אויספֿאָרשער:

פֿונם אומשולדיקן בלוט?!. אומזין!.. יידיש בלוט איז נים אומשולדיק!.. יידיש בלוט איז שולדיק!.. יידיש בלוט איז פֿאַרמשפּט!.. פֿאַרמשפּט צום אומקום!..

וויקטאָר:

פֿאַרמשפּט דורך אייך... דורך דער וועלט פֿון רשעות...

אויספֿאָרשער:

פֿאַר אייך איז רשעות נאָר די וועלט!

וויקטאָר:

ס'איז דאָ אויך... אַ וועלט פֿון יושר...

אויספֿאָרשער:

יושר???!.. פֿאַר אייך???!!.. (צעלאַכט זיך לאַנג, רייסט פּלוצלונג איבער) ראַכעווען דאָס לעבן — ווילסטו?..

וויקטאָר:

ניין.

אויספֿאָרשער:

באַקלער זיך גוט.

וויקטאָר:

כ'וויל ניט... דאָס לעבן... פֿון דיינע הענט...

אויספֿאָרשער:

האָסט נאָך צייט זיך צו באַטראַכטן... (פּויזע; טראָגט אים אונטער אַ פֿאָטאָגראַפֿיע) אָט דעם קענסטו?.

וויקטאָר:

ניין.

אויספֿאָרשער:

קוק זיך נאָר גוט איין... (וויקטאָר שווייגט) כ'וועל דיר אָפּפֿרישן דעם זכרון דיינעם. דאָס האָט ער, צוזאַמען מיט אַנדרייען, געוואָרפֿן דעם גראַנאַט אין הויפּט־אַריינגאַנג. אויך אַ העלד אַ גרויסער. (לאַכט) אַן אַלטער באַקאַנטער. ער איז איצט אין מיינע הענט.

און ניט נאָר ער. די צוויי געהילפן דיינע, אין קאַבאַרעט, פלינקע יונגען, האַ ?.. איינער איז גלייך געבליבן ליגן אויפן אָרט. אונדזערע פיסטוילן שיסן אויך מיט פולווער. נאַ, (ווייזט אַ פאָטאָ גראַפיע) קוק אים אָן !.. שיין צו זען, וואָס ?.. נישקשה פון א צורה !.. שיקט דיר אַ שמייכל פון יענער וועלט ... (לאַכט) און דיין צווייטער פליגל־אַדיוטאַנט איז באַזאָרגט מיט קעסט — דאָ, ביי מיר, בשכנות ... (וויקטאָר אָטעמט שווער) אפילו די דאַמע, וואָס האָט דיך באַגלייט ...

וויקטאָר:

(באַהערשט קוים זיין אומרואיקייט) די ... דאַמע ?..

אויספאָרשער:

יאָ, די דאַמע !

וויקטאָר:

ניט געווען ... קיין שום ... דאַמע ..

אויספאָרשער:

נאַרישקייטן. עס האָט דיך באַגלייט אַ דאַמע ביים אריינגאַנג. מיר ווייסן ווער זי איז. ניט לאַנג וועט זי שפּאַצירן אויף דער פריי. (וויקטאָר אָטעמט אָפּ) דיין גאַנצע באַנדע — ווי די מייז געכאַפּט ... (לאַכט)

וויקטאָר:

(שטיל) און דאָך, האָט זיך געלוינט !..

אויספאָרשער:

געלוינט ?..

וויקטאָר:

צו פאָן־קראַוזע ... אַ סוף געמאַכט ...

אויספאָרשער:

(ווי ניט מיט זיין קול) אומזין !.. אומזין !!.. פאָן־קראַוזע לעבט !!!..

וויקטאָר:

פאָן ... קראַוזע ???..

אויספאָרשער:
ער לעבט!

וויקטאָר:
ס'איז ... אומעגלעך ...

אויספאָרשער:
אומעגלעך. זאָגט ער ... (לאַכט הילכיק)

וויקטאָר:
איך האָב אַליין געזען ... אַלע מיינע קוילן ... האָבן אים גע־טראָפן... מיין גאַנץ רעוואָלווער קוילן ... אויסגעלאָדן אין אים גופא ...

אויספאָרשער:
ניט אין אים! .. אין זיין אדיוטאַנט האָסטו געשאָסן! .. פאָן קראַוזען איז קיין האָר פון קאָפּ ניט אראָפּגעפאַלן ...

וויקטאָר:
(דערשיטערט) ס'איז ניט מעגלעך! .. ס'איז ניט מעגלעך! ..

אויספאָרשער:
אַ שיין שטיקל אַרבעט, וואָס, וויקטאָר? ...

וויקטאָר:
(חזרט כסדר) ס'איז ניט מעגלעך ... ניט מעגלעך ... (פויזע)

אויספאָרשער:
הער! .. גיב אויף דעם קאַמף! וועסט לעבן, איך זאָג דיר צו.

וויקטאָר:
איך וויל ... שטאַרבן ...

אויספאָרשער:
מיט אַ לעבערלעכן, אומזיניקן טויט ... דיין קאַמף איז אַ פאַר־שפּילטער. גיב זיך אונטער!

וויקטאָר:
ניין!

אויספאָרשער:

װעמען װעט העלפן נוצן דיין טויט?.. (װיקטאָר שװײגט)
װעמען??!..

װיקטאָר:

(שטיל) מיינע ברידער.

אויספאָרשער:

דיינע ברידער װעלן סיי װי אומקומען ביז איינעם.

װיקטאָר:

עס זיינען פאַראַן... ניט בלויז רוצחים אויף דער װעלט... מיר האָבן אייך... פריינט...

אויספאָרשער:

פריינט???!.. אַנו, װו זיינען זיי, אָט די פריינט אייערע?!.. פאַרװאָס שװייגן זיי?!.. פאַרװאָס שטעלן זיי זיך ניט איין פאַר אייך?!.. אַז מען װיל זיך אַנעמען פאַר עמיצן, געפינט מען נאָך אַ מיטל װי אַזױ... אפילו היינט געפינט מען נאָך... איר האָט קיינעם ניט!.. קיינעם ניט!.. און אויב מ י ר װעלן ניט באַװייזן אייך פאַרענדיקן, װעלן עס טאָן אייערע פריינט, הערסט?!.. אייערע פריינט!.. מיט ז ײ ע ר ע הענט, מיט די פריינטלעכע הענט, װעלן זיי פאַרענדיקן דאָס, װאָס מיר האָבן אָנגעהויבן...

װיקטאָר:

ניין!.. עס װעט... קיינמאָל... ניט זיין...

אויספאָרשער:

עס װעט זיין!... עס װעט זיין!.. עס מוז אַזױ זיין!.. די װעלט האָט אייך פאַרמשפּט. איר זענט דערװיידער געװאָרן דער װעלט. איר זענט פאַרמאוסט געװאָרן דער װעלט. צו לאַנג פּלאָגט זיך די װעלט מיט אייך... צו לאַנג האָט איר זיך אָנגעזעצט אויפן געװיסן פון דער װעלט... די װעלט װיל אייך אויסשפּייען... זי האָט אייך אויסגעשפּיגן — שוין, מיט עקל!.. (נעמט די גלאָז װיין, װאָס איז געשטאַנען פאַר װיקטאָרן און טרינקט זי אויס מיט איין צי; רואיק) איך לאָז דיך פריי. איך פאָדער

ביי דיר גאָרניט. איך פרעג ביי דיר גאָרניט. קיין שום נעמען. קיין שום אדרעסן. איך באַפריי דיך, דו גייסט, ווו דו ווילסט. דו טרעפסט זיך מיט וועמען דו ווילסט. מיר גיסטו אן אונטער־שריפט. בלויז אן אונטערשריפט.

וויקטאָר:

ניין!

אויספאָרשער:

ווילסט דווקא גיין צו גרונט מיט אייער שיף אינאיינעם?..

וויקטאָר:

אונדזער שיף... וועט ניט פאַרזינקען... מיין טויט וועט באַזעלן... אַנדערע... צום לעבן...

אויספאָרשער:

אַנדערע?.. וועמען — אַנדערע?!..

וויקטאָר:

מיין פאָלק... מיינע ברידער...

אויספאָרשער:

אומזין!.. דיין פאָלק וו י ל ניט לעבן, ווי א פאָלק!.. דיינע ברידער וו י ל ן ניט לעבן, ווי ברידער!.. קיינער, קיינער וויל ניט אַזוי שטאַרק אויפהערן צו זיין, ווי איר אַליין.... קיינער וויל ניט אַזוי שטאַרק פאַרשווינדן, ווי איר אַליין... דיין טויט וועט קיינעם ניט באַזעלן, האָסט ניט פאַרוואָס צו שטאַרבן, לעב!..

וויקטאָר:

איך וועל שטאַרבן...

אויספאָרשער:

וועסט שטאַרבן, ווייל דו ביסט א פחדן! יאָ, א פחדן! ווייל דו האָסט מורא צו לעבן!.. ווייל דו האָסט מורא צו זען, ווי די ברידער דיינע — די, וואָס וועלן אַנטרינען פון אונדזערע הענט — וועלן אַנטלויפן פון אייך, ווי מייז פון א געוויסער... ווייל דו האָסט מורא צו זען, ווי זיי וועלן פליענדיק אַזוי אין וויסטער

בהלה,שפייען אויף דיך און שפייען אויף אייך, אויף אַלץ אין אייך און אויף אַלץ אין זיי גופא — ווי זיי וועלן שפייען אויף זייער גאָט, אויף זייער שפּראַך, אויף זייער כבוד, אויף זייער אייגענעם נאָמען אפילו... האָסט מורא צו זען די חרפה, וואָס די ברידער דיינע וועלן האָבן פון זיך אַליין, און ווי עס וועט זיי עקלען פון זיך אַליין, און ווי זיי וועלן מיט עקל וועלן אנטרינען פון זיך אַליין — און ניט קאָנען... (לאַכט, גיסט זיך אָן וויין, טרינקט) איז — פאַר אַזעלכע ווילסטו שטאַרבן?

וויקטאָר:

עס וועלן זיין... אויך אַנדערע... פיל מער אַנדערע...

אויספאָרשער:

עס וועלן ניט זיין קיין אַנדערע!.. מען וועט ניט לאָזן זיין קיין אַנדערע! גיב זיך אונטער!.. אַ קעמפּער דאַרף קאָנען זיך אונ־טערגעבן אויך. ביסט נאָך יונג. האָסט דאָס גאַנצע לעבן נאָך פאַר זיך. איך בעט אַפילו ניט ביי דיר קיין אונטערשריפט. בלויז דיין וואָרט. אַמאָל, פון צייט צו צייט, וועלן מיר זיך טרעפן. יאָ?..

וויקטאָר:

ניין!

אויספאָרשער:

אַזוי שטאַרק ביסטו פאַרעקשנט צו שטאַרבן?.. פאַרפאַלן, כ'וועל מוזן דיר צוליב טאָן. דאָס איינציקע אויף וואָס איר פאַרמאָגט נאָך בחות — איז צו באַגעגענען דעם טויט. לעבן קאָנט איר מער ניט, אָבער דערפאַר — שטאַרבן... (לאַכט) יאָ... איך האָב אייך געזען שטאַרבן. אַליין געזען, מיט אָט די אויגן. איך בין געווען דאָרט, ווו יידן שטאַרבן. יידן שטאַרבן ווי שאָף!...

וויקטאָר:

(ציטערט אויף) אַ ליגן!..

אויספאָרשער:

אַן אמת!.. ווי שאָף! יידן שטאַרבן ווי שאָף! גייען צום טויט אין דער ריי!.. וואַרטן הכנעהדיק אויף זייער פלאַץ!.. איינער נאָכן צווייטן... איינער נאָכן צווייטן... ווי די לעמער!..

וויקטאָר:

יידן זיינען אויך... געפאַלן אין קאַמף... מיט געווער אין די הענט...

אויספאָרשער:

וויפל???!.. הונדערטער??!..

וויקטאָר:

טויזנטער... צענטליקער טויזנטער...

אויספאָרשער:

אָבער די מיליאָנען??!!..

וויקטאָר:

די מיליאָנען האָט איר... פאַרפייניקט, פאַרהונגערט, פאַרשאָכטן!.. דער טויט.. איז געווען פאַר זיי אַ דערלייזונג... איז עמיצער פון זיי אייך צו די פיס געפאַלן?!.. האָט אייך עמיצער פון זיי געבעטן רחמים?!.. די פחדנים — דאָס זענט איר!.. פחדנים און רוצחים!.. (דער אויספאָרשער לאַכט) זיי... זיינען אומגעקומען ווי קדושים...

אויספאָרשער:

קדושים?.. זאָל זיין קדושים!.. הייליקע?.. זאָל זיין הייליקע!.. אָבער הייליקע זאָלן גיין אין די הימלען! ניטאָ אויף דער ערד קיין פּלאַץ פאַר הייליקע! דאָ דאַרף מען מענטשן. מענטשן מיט ציין און מיט נעגל. איר זענט אַ הייליק פאָלק? איז אין די הימלען!.. מיטן רויך אַוועק!... (פּויזע) דאָס לעצטע מאָל: איך וויל דיך ראַטעווען. באַטראַכט זיך גוט. האָסט ניט וואָס מורא צו האָבן. פאַר קיינעם ניט — ניט פאַר אונדז און ניט פאַר די דייניקע. איך וועל דיך נעמען אונטער מיין שוץ. פאַרשטייסט?...

וויקטאָר:

(וואָס איז געזעסן געבויגן, ווי איינגעבראָכן, טוט זיך פּלוצלונג אַ ריס אויף, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן) פאַן־קראַוזע לעבט ניט מער!..

אויספאָרשער:

וואָס??!..

וויקטאָר:

ניין! ער איז טויט! איך האָב זיך איצט דערמאָנט. בעת דיינע קוילער האָבן מיך געפיניקט, האָבן זיי צווישן זיך גע־רעדט וועגן דער לוויה פון פאַן־קראַוזע.

אויספאָרשער:

אומזין!..

וויקטאָר:

ווערסט מיך מער ניט נאַרן... (שרייט) ער איז טויט!.. ער איז טויט!!..

אויספאָרשער:

שווייגן!.. (כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער)

וויקטאָר:

איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר!.. (דער אויספאָרשער צילט אָן אויף אים דעם רעוואָלווער) נו, שיס!.. פאַרוואָס שיסטו ניט?!.. (הויך, מיט טריומף) איך האָב נקמה גענומען!.. נקמה פאַר די מיליאָנען, וואָס שטאַרבן הכנעהדיק־שטיל, — אָבער מיט הער־צער פול מיט פאַראַכטונג צו אייך!.. ווער זיינט איר דען?!.. אַ שטורעם פון טומאה, פון ווילדער רציחה, וואָס בושעוועט בלוטיק, אָבער, וואָס וועט פאַרגיין, אין אייגענעם בלוט און אין אייגענער שמוץ. איר וועט אונדז ניט צעברעכן!... פאַן־קראַוזען האָב איך ווי אַ הונט דערשאָסן!..

אויספאָרשער:

(וואָס האָט געהאַלטן וויקטאָרן אַ לאַנגע ווײַלע אונטער דער דראָונג פון רעוואָלווער, צעלאַכט זיך) אומזין (גיסט זיך אָן אַ גלאָז ווײַן, טרינקט אויס) אומזין, אומזין, אַלץ איז אומזין... (גיסט אָן נאָך אַ גלאָז, טרינקט אויס) זאָל זיין — דו האָסט אים דערהרגעט... נו, איז וואָס?.. ווערסטו לעבעדיק מאַכן אייערע טויטע?.. און איר וועט אַלע זיין טויט! טויטע וועלן נקמה נעמען פאַר טויטע... (לאַכט) שאַ, וויפל, מיינסטו, ערובניקעס האָבן שוין באַצאָלט פאַר פאַן־קראַוזע'ן?..

וויקטאָר:

תּלינים זענט איר!..

אויספאָרשער:

תלינים ?.. אפשר, אפשר... (קלערט נאָך, שכורלעך, לייזיקט אוים די פלאַש, טוט זי אַ שליידער אויף דער ערד) תלינים — נו, איז וואָס ?.. אָן דעם תליון וואָלט קיין וועלט ניט געווען.. און ניט קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט... ווער וואָלט אויסגעפירט די משפטים פון גורל, ווען ס'וואָלט קיין תליון ניט געווען ?.. ס'איז אַ גרויסע זאַך, אַ תליון !.. מען דאַרף האָבן מוט אַ תליון צו זיין, מען דאַרף זיין גרויס אין גייסט... זייער גרויס אין גייסט... (ברומט עפעס אומפאַרשטענדלעכס) אומזין !.. אַלץ איז אומזין ! אַלץ גייט צו גרונט... צו הונדערט טויזנט שווארצע רוחות !.. (זינגט) „די ליבעס באַטערלאַנד...״ (לאַכט) צו הונדערט טויזנט שוואַרצע רוחות !.. (פּלוצלונג האַלב־וויינענדיק) און פאַרוואָס קומט דאָס אונדז אַזאַ גורל — דער גורל פון אַ תליון ?.. זיינען מיר דען די ערגסטע ?.. ווער נאָך האָט אַזאַ פילנדיק האַרץ, ווי מיר ?.. אונדזער האַרץ איז פול מיט ליבע — צו דער וועלט, צו די מענטשן, צו די ביימער, צו די גראָז, צו דער זון, צו דער לבנה !.. מיר האָבן אַזוי ליב לידער און פרויען און קינדער !.. און קינדער !..

אַנזאָגער:

פאַלק פון רוצחים !.. פאַלק פון קינדער־מערדער !.. אייערע הענט זאָלן קיינמאָל ניט דערוואַשן זיך פון אונדזער בלוט !... זאָל דער קין־צייכן אייביק בלייבן אויסגעקריצט אויף אייער שטערן !..

אויספאָרשער:

און פאַרוואָס, פרעג איך... פאַרוואָס ?!.. וואָס טוען מיר דען אַזוינס ? מיר פירן אוים די משפטים פון גורל... ניט מער !.. אַלעמען מיט עם גראַד הנאה — אפשר ניט ? אָבער די שלעכטע זיינען מיר !.. אַ, די וועלט איז פול מיט צביעות !.. צבועקעס !.. (פויזע) אַלץ גייט צו גרונט !.. איך האָב דריי קינדער.. דריי קליינע קינדער...

אַנזאָגער:

פאַר די מיליאָנען אומגעבראַכטע קינדער, פאַר די מיליאָנען אומ־

געבראכטע מאמעס — זאָל דאָס וואָרט „מאמע“ אויסגעמעקט ווערן פון אייער מויל! עס איז צו הייליק פאַר אייך, דאָס דאָזיקע וואָרט! אַנשטאָט „מאמע“, זאָלן אייערע קינדער רופן „מאָרד“! אַנשטאָט „מוטער“ — „מערדער“! זאָלן זייערע קינדערישע פּנימער, אַנשטאָט צו לייכטן מיטן ליכטיקן שמייכל פון אומשולד, זיין פאַרקרימט אין אַ העסלעכע העוויה פון רוצה, וואָס וואַרפט זיך אויף זיין רויב! זאָלן זיי, פון זייער מוטערס ברוסטן, ניט מילך זויגן, נאָר בלוט! בלוט אויף אייך! .. אונדזער בלוט, דאָס אומשולדיק בלוט פון מיליאָנען, זאָל פאַלן אויף אייערע קעפּ! זאָל עס אַוועקנעמען אייך די רו ביי טאָג און דעם שלאָף ביי נאַכט! זאָל עס אָנפילן אייערע הערצער מיט פּיין און מיט אַנגסט, איר זאָלט זיך קיין אָרט אויף דער ערד ניט געפינען! און ווו איר זאָלט ניט זיין — זאָל אייער ברויט אייך זיין ביטער, ווי גאַל. און ווו איר זאָלט ניט זיין — זאָל דאָס וואַסער ברענען ווי סם אייער גומען! בלוט, בלוט אויף אייך! .. (גייט צוריק אוועק אויף זיין פּלאַץ)

אויספאָרשער:

(שטעלט זיך פּלוצלונג אויף, אינגאַנצן אויסגעניכטערט, מאכט עטלעכע טריט הין און צוריק) ווילסט דווקא זיין אַ העלד, וויקטאָר? .. און ניט געוויינ׳ אַ צייטונגס-העלד, נאָר אַ העלד פון אַ טראַגעדיע... אפשר ביסטו גערעכט... ביסט אַ ווידערשפּעניקער. האָסט ווידערשפּעניקט אין אַלץ — אין די גרעניצן פון לאַנד, אין וועלכן מיר הערשן איצט, אין די גרעניצן פון דיין אייגן פאָלק, וואָס זוכט צו פאַר־גיין, אין די גרעניצן פון לעבן, וואָס באַפעלט צו דויערן... יאָ... (פּויזע) אָבער — שטאַרבן איז גאָרניט. ס׳איז לייכט צו שטאַרבן. און אויב דו ביסט אַ העלד, וועל איך דיר ווייזן ווער איך בין... איידער דו וועסט שטאַרבן, וועסטו ביי מיר — ריידן.

וויקטאָר:

ניין! ..

אויספאָרשער:

וועסט ריידן... אַלץ וועסטו זאָגן: נעמען, אַדרעסן, דאַטעס. אַלץ! ..

וויקטאָר:

איך וועל גאָרניט זאָגן!

אויספאָרשער:

דאָס וועלן מיר באַלד זען.

וויקטאָר:

קאָנסט שוין ניט טאָן מער, ווי דו האָסט געטאָן.

אויספאָרשער:

א טעות! .. פריער איז געווען א קינדערשפּיל. (שרייט) קאַרל! .. (עס באַווייזט זיך דער קאָפּ פון זעלנער) צוגרייטן דעם אויפנעם־צימער נומער איינס! .. מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן! .. (דער קאָפּ פאַרשווינדט) א קינדערשפּיל אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס קומט איצט. ווילסט זיין א העלד? .. גוט, גוט! .. ס'איז אָבער ניט אַזוי לייכט... ניט אַזוי לייכט א העלד צו זיין, וויקטאָר! .. (לאַכט; רופט) קאַרל! .. (קאַרל באַווייזט זיך ניט; דער אויספאָרשער רופט נאָך א מאָל) קאַרל! .. קאַרל!! .. (ער וואַרט א ווײַלע און גייט שנעל אליין ארויס)

וויקטאָר:

(קורטשעט זיך איינגאַנצן איין, לאָזט אַרויס א לאנגן קרעכץ; קוקט זיך ארום, באמערקט פלוצלונג אויפן טיש דעם רעוואָלווער, וואָס דער אויספאָרשער האָט פארגעסן, טוט אים א כאַפּ מיט ציטערדיקע הענט, עפנט אים פיבערהאַפט אויף, נעמט אַרויס דעם מאַגאזין, גיט א קוק אינעווייניק, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ, פארמאכט צוריק דעם רעוואָלווער, מורמלט) בלויז איין קויל... איין קויל... (פון הינטער דער סצענע דערטראָגט זיך דאָס געלעכטער פון אויספאָרשער, וויקטאָר טוט א ציטער, הויבט אויף דעם רעוואָלווער און שטעלט אים צו צום שלייף)

אַנזאָגער:

(גייט צו צו אים) לאָז אַראָפּ די האַנט, וויקטאָר! ..

וויקטאָר:

די לעצטע קויל — פאַר זיך...

אַנזאָגער:

אָבער די איינציקע? ! ...

וויקטאָר:

די איינציקע...

אַנזאָגער:

די איינציקע קויל איז פאַרן שונא!

וויקטאָר:

(לאָזט אַראָפּ די האַנט) איך קאָן ניט... נאָך אַ מאָל אַהין.... איך קאָן ניט מער!..

אַנזאָגער:

די מוזט קאָנען!..

וויקטאָר:

ס'איז אין מיר ניטאָ... קיין גאַנצער גליד...

אַנזאָגער:

ביסט אַ נקמה־נעמער!..

וויקטאָר:

איך האָב גענומען שוין נקמה... זאָלן איצט אַנדערע... פאַר מיר... נקמה נעמען...

אַנזאָגער:

האָסטו פאַרגעסן דיין שבועה?!.. „איך שווער צו בלייבן טריי, ביזן לעצטן אָטעם"...

וויקטאָר:

ניט פאַרגעסן... טריי געבליבן... עס קאָן אויסשלאָגן מיין לעצטע שעה... אָבער אַלע ביינער זיינען מיר צעבראָכן... דאָס גאַנצע לייב איז ווי איין גרויסע, אייטערדיקע וווּנד... די טריט פון מיינע פיס... זיינען צעברענט פון פייער...

אַנזאָגער:

„איך שווער: ניט זשאַלעווען קיין כחות און קיין בלוט, ניט אָפּשטעלן זיך פאַר קיין שום פיין און קיין יסורים..."

וויקטאָר:

איך האָב דערפילט די שבועה... הייליק דערפילט... אָבער איצ־טער שטיי איך אין פנים פון טויט... און איך פיל מיך אַזוי אַליין... אַרומגעצוימט מיט איינזאַמקייט... אין פנים פון

מויט ... און איך פיל מיך אזוי שוואך ... און מיין גוף האט אזוי מורא פאר נייעם פיין ... איך קאן ניט מער ... איך קאן ניט מער אהין ... כ'האב מורא, טאמער וועט מיין לייב ... ניט ביישטיין דעם נסיון ...

אַנזאָגער:

עס וועט ביישטיין!

וויקטאָר:

מיין גוף דורשט אזוי נאך רו ... נאך אנטגילטיקע רו ... האב איך ניט קיין רעכט אליין ... די רו מיר נעמען?..

אַנזאָגער:

האסט ניט קיין רעכט!..

וויקטאָר:

איך האב ניט קיין רעכט?..

אַנזאָגער:

ניין!.. ניין!.. בעת מען האט דיין מאמען אין גאז־קאמער געטריבן — און גזלנים האבן ווילד געשפעט פון איר פארשעמטער נאקעטקייט —, בעת זי האט געצאפלט אין אימה און אין יאמער און אין עלנט, און האט געזוכט איין בליק בממש א נאהענטן, אן אייגענעם, און האט בלויז געטראפן גרויל; בעת זי האט צום לעצטן מאל ארייננעצויגן אין איר קעל דעם סם, האט איין גערדאנק געשטארקט זי און געטרייסט: „מיין קינד איז פאר־בליבן ... מיין קינד, ער לעבט, ער וועט לעבן ... ער וועט אין מיר געדענקען ... ער וועט פאר מיר ... נקמה נעמען ...”

וויקטאָר:

נקמה נעמען!..

אַנזאָגער:

בעת מען האט דיין טאטן געהייסן גראבן א גרוב פאר זיך און פאר דער גאנצער עדה יידן, און נאהייקעס האבן געפאסעוועט זיין לייב, בעת מען האט געהייסן אים אויסטאן זיינע קליידער און שווייגן שטיל דערביי, אויב ניט, וועלן באגנעטן תיכף אויס־שמעבן די אויגן אים, בעת מען האט באפוילן דיין טאטן: „גיי אריין אין גרוב און לייג זיך מיטן פנים צו דער ערד” —

און ער איז אריין, און האָט זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים צו דער ערד, און קוילן האָבן דורכגעבריט זיין נאַקן און ניט געטויטעט אים, נאָר בלויז פאַרוואונדעט; בעת מען האָט דיין טאַטן לעבע־דיקערהייט פאַרשאָטן און ער האָט צום לעצטן מאָל געוואָרגן זיך מיט אַ הויפן ווייכע ערד, האָט איין געדאַנק געלינדערט אים די אַנגסט פון גסיסה: „מיין זון... ער איז פאַרבליבן... מיין זון... ער וועט נקמה נעמען..."

וויקטאָר:

ער וועט... נקמה נעמען!..

אָנזאָגער:

און בעת מען האָט צום טויט געפירט דיין פרוי — און פריער שוין געהאַט פון איר דיין קינד אָוועקגעריסן — בעת מען האָט זי אויפגעזעצט, בייזאַנד מיט נאָך אַן עדה שוועסטער, נאַקעטע אין ברענענדיקן פראָסט, אויף אַ וואָגן, וואָס האָט געדאַרפט, דורך וויסטע וועגן, ברענגען זיי צו זייער לעצטער שעה, האָט דאַן אין האַרצן פון דיין פרוי געהויבן זיך אַ שטומע קלאָג, ניט מער שוין אויף איר אייגן יונגן לעבן, וואָס האָט געדאַרפט פאַרגיין אין פיין, נאָר אויף איר קינד, אויף דיין קינד, וואָס איז לעבע־דיקערהייט אין פייער געוואָרפן געוואָרן, און פלאַם. און ס'האָט געטראַכט דיין פרוי, אויף איר לעצטן וועג: „גוט, וואָס ער איז כאָטש אַנטרונען פון די הענט פון מערדער. גוט, וואָס ער איז כאָטש פאַרבליבן דאָרט. ער וועט נקמה נעמען פאַר זיין קינד און אויך פאַר מיר. ער וועט נקמה נעמען..."

וויקטאָר:

ער וועט... נקמה נעמען!.. (הויבט זיך אויף, פאַרקרימט זיך פון יסורים). ער וועט נקמה נעמען!.. (פון הינטער דער סצענע דער־טראָגט זיך ווידער דאָס הילכיקע לאַכן פון אויספאָרשער, וואָס דער־נעענטערט זיך אַלץ מער און מער. וויקטאָר מאַכט אַן אָנשטרענגונג, גלייכט זיך אויס, שטעלט אַן דעם רעוואָלווער און צילט אין דער זייט פון וואַנען דער אויספאָרשער דאַרף אַריינקומען).

פאָרהאַנג

דריטער אַקט

בילד איינס

פאַרן פאָרהאַנג. מארטא גייט אריין, בלייך, צעשויבערט. נאָך איר — סערזש.

סערזש:

וואָס איז, מאַרטא ?.. וואָס איז געשען ?..

מאַרטא:

(רעדט קוים) די ... עקזעקוציע ...

סערזש:

נו ?! ..

מאַרטא:

באַשטימט אויף היינט ...

סערזש:

וואָס ?!

מאַרטא:

אויף היינט ביינאַכט ...

סערזש:

ס'איז דאָך געווען געמאָלדן — איבערמאָרגן! ..

מאַרטא:

זיי האָבן געענדערט די דאַטע.

סערזש:

ביסט זיכער ?..

מאַרטאַ:

יאָ... הײנט בײנאַכט...

סערזש:

פון װאַנען שטאַמט די ידיעה?..

מאַרטאַ:

פון תפיסה גופא...

סערזש:

און אונדזער פּלאַן...

מאַרטאַ:

(קוקט אים אָן אַ װײַלע שטאַר) סערזש!.. מען מוז זײ ראַטעװען!..

סערזש:

(אַנטמוטיקט) יאָ...

מאַרטאַ:

פון נעכטן אָן, זיצן זײ אַלע צוזאַמען... זאַלבעפערט אין אײן קאַמער..

סערזש:

װוּ דאַרף פאָרקומען די עקזעקוציע?..

מאַרטאַ:

אױפן מאָן-װאַלעריען...

סערזש:

װיפל אַזײגער פירט מען זײ אַרױס פון תפיסה?..

מאַרטאַ:

נאָך האַלבער נאַכט.

סערזש:

דאָס הײסט, מיר מוזן דאָרט זײן אַמשפּעטסטנס...

מאַרטאַ:

שפּעטסטנס האַלב צװעלף!

סערזש:

ווייניק צייט פארבליבן...

מאַרטאַ:

מיר מוזן!.. מיר מוזן, סערזש!.. זיי מאַרן ניט אומקומען!.. נאַ, אָט האָסטו די צוויי פּלענער פון תפיסה, וואָס איך האָב געדאַרפט צושטעלן. איינער, אַן אויסנווייניקסטער, מיט די גאַסן אַרום. דער צווייטער, פון אינעווייניק, מיט אַלע אַריינגאַנגען, קאָרידאָרן און קאַמערן פון זייער אַפּטייל. אין דער קאַמער, וואָס איז פאַרשטרייפט מיט רויט — זיצן זיי

סערזש:

מיר האָבן געהאַט אויסגערעכנט נאָך אויף גאַנצע צוויי טעג. דעם תפיסה־אויטאָ דאַרפן מיר באַקומען ערשט מאָרגן. און די מונדירן...

מאַרטאַ:

מען מוז מאַכן אַן אָנשטרענגונג!.. מען מוז אַלעמען מאָ־ביליזירן!... דאָס זיינען דאָך אונדזערע בעסטע, סערזש!.... אונדזערע בעסטע! .

סערזש:

מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך... קאָנסט זיין זיכער... אָבער — וואָמער באַווייזט מען דאָך ניט ביז האַלב צוועלף?..

מאַרטאַ:

מען מוז באַווייזן!..

סערזש:

וואַרט. ס'איז מעגלעך אַ צווייטער פּלאַן. אַ מער לייכטערער. אָפּשלאָגן ביים אַריבערפירן. אַפוואַרטן ניט ווייט פון תפיסה און אָפּשלאָגן זיי. ווי האַלטסטו?...

מאַרטאַ:

אַלץ דאַרף מען מאָן!.. אַלץ, כדי זיי צו ראַטעווען!..

סערזש:

די צוגרייטונגען זיינען איינפאַכערע... און מענטשן וועט מען אויך דאַרפן ווייניקער...

מאַרטא:

איך נעם אַנטייל!

סערזש:

אויב דער שטאַב וועט דיך באַשטימען...

מאַרטא:

ניין!.. איך וואָרן דיך!.. (רואיקער) סערזש, איך מוז אַנטייל נעמען!.. איך דאַרף אַנטייל נעמען!.. פאַרשטייסט?.. איך קען גוט די געגנט פון דער תפיסה. איך האָב אַלץ גענוי באַטראַכט. א סך מאָל. בעסער ווי ווער ניט איז אַנדערש. איך בעט דיך!..

סערזש:

גוט. דעם באַשלוס וועט דיר איבערגעבן מיין פאַרבינדלערין.

מאַרטא:

ניין! הער מיך אויס, סערזש! ווי א חבר. ווי א פריינט. באַשטימט מיך! סיי ווי וועל איך זיין ביי דער תפיסה. כ'וועל בדאַי אַליין קומען. אפילו אויב איר וועט מיר פאַרבאָטן — וועל איך אויך קומען!.. (זי באַהערשט זיך קוים, ניט אויסצוברעכן אין א געוויין)

סערזש:

נו, שטילער!.. באַרואיק זיך, מאַרטא!.. באַרואיק זיך!.. קום, מען טאָר ניט פאַרלירן קיין רגע... אזוי ווייניק צייט — ביז היינט ביינאַכט...

מאַרטא:

אַזוי ווייניק, אַזוי ווייניק צייט!.. (גייען ביידע אַרויס)

(מוזיק)

בילד צוויי

אָנזאָגער:

(פאַרן פאָרהאַנג) די לעצטע נאַכט!.. די לעצטע נאַכט!.. דער לעצטער בריוו — שוין אָנגעשריבן. דער לעצטער „זיי געזונט" — אַוועקגעשיקט. און אָפּגעשניטן זיינען שוין די לעצטע בריקן צו דער דרויסנדיקער וועלט, די לעצטע בריקן צו דעם לעבן. די לעצטע נאַכט!.. די לעצטע נאַכט!.. חשבון הנפש — שוין געמאַכט. דורכגענישטערט מיטן שאַרף פונעם פיבערדיקן בליק דאָס גאַנצע לעבן — אויף צוריק. און געצויגן אַ סך־הכל — אָן באַדויערן, אָן פאַרביטערונג, אָן חרטה. דער לעצטער גרוס: „מיין געוויסן איז ריין. ווען איך וואָלט געהאַרפט אָנהויבן מיין לעבן אויף דאָסניי, וואָלט איך געגאַנגען אינעם זעלבן וועג. איך בין שטאָלץ, איך בין גליקלעך צו פאַלן אין קאַמף..." דער לעצטער גרוס: „איך וועל דעם טויט באַגעגענען מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, סוף כל סוף, שטאַרבט מען דאָך ניט מער, ווי איין מאָל..." דער לעצטער גרוס: „פּאַפּאַ, באַלד וועט מען מיך פירן שיסן. זיי ניט טרויעריק. דו קענסט דאָך מיך. דו ווייסט, אַז איך בין רואיק. כ'בין ניט אַליין. מיר זיינען זאַלבעפערט, פיר חברים, מיר שפּאַסן, מיר לאַכן אפילו..."* די לעצטע נאַכט!.. די לעצטע נאַכט!.. עס צאַפּלט אַזוי שטורעמדיק דאָס יונגע לעבן... עס קלאַמערט זיך אַזוי פיבערדיק צו די לעצטע שעה'ען, צו די לעצטע רגעס, ביז דער לעצטער גרויסער שעה, ביז דער לעצטער גרויסער, גרויסער רגע... (גייט אַרויס)

* די „לעצטע גרוסן" זיינען אויסצוגן פון די געזעגענונג־בריוו פון דריי געפאַלענע אין פראַנקרייך יידישע פּאַרטיזאַנער: מענדל לאַנגער, מאָריס פעלד און ברוך לערנער.

בילד דריי

א תפיסה־קאַמער. וויקטאָר, פיליפ, אַנדריי און פיער, א פראַנצויז. אַנדריי שטייט אויף א בענקל, ביים פענצטערל, און ציט טיף אין זיך די לופט פון דרויסן.

אַנדריי:

עס שמעקט אַזוי!.. עס שמעקט אַזוי גוט!.. עס שמעקט — מיט פרישער ערד, צעאַקערטער!.. מיט ביימער!.. מיט נאַכט!.. עס שמעקט אַזוי גוט!.. הערט!.. איר הערט?.. א פייפל האָרטן, אין דער ווייט... איר הערט?.. א ניגון!.. קוים וואָס ער דערגייט אַהער, קוים וואָס ער דערגייט... (הערט זיך צו; פּלוצלונג שאַרף) וויפל איז דער זייגער?!.. (קיינער ענטפערט ניט; ער שרייט) וועכטער!.. וויפל איז דער זייגער?.. וועכטער!..

פיליפ:

(גייט צו צו אים, נעמט אים אָן ווייך פאַר א האַנט) אַנדריי, וועק ניט דעם וועכטער!.. צו וואָס?..

פיער:

עס איז נישטאָ קיין טויט. בלויז — אייביק לעבן. לעבן, וואָס בייט זיך, וואָס ענדערט זיך אָן אויפהער... וואָס שטייט אויף און פאַרגייט ווי א פאַליע אין ים...

אַנדריי:

(וואָס איז אַראָפּ פון בענקל, פרעגט פיליפן, שטיל) ס'איז שוין... שטאַרק שפּעט?..

פיליפ:

וואַרשיינלעך.

פיער:

באַלד וועט אָנקומען א טיפער שלאָף און א טיפע רו... און אַלץ, וואָס איז פאַרגייענדיק אין אונדז וועט ווערן אויפגענומען, מיט ליבע, מיט האַרציקייט, דורך דער ווייכער ערד פון פראַנקרייך... און פונעם פאַרגייענדיקן אין אונדז — וועט די ערד ווערן נאָך ווייכער און וועט געבן נייע תבואה־זאַנגען... פאַר די קינדער פון פראַנקרייך צו וואַקסן, צו לעבן... און

מיר — אין זיי — וועלן וואקסן ... און מיר — אין זיי — וועלן לעבן ...

אַנדריי:

(צו פיליפן) רעכנסט, ס'איז שוין זייער שפּעט? ..

פיליפּ:

איך ווייס ניט, אַנדריי ...

פּיער:

און דאָס, וואָס אין אונדז איז ניט פאַרגייענדיק — אונדזערע ווערטער, אונדזערע געדאַנקען, אונדזער גלויבן — וועט בלייבן און וועט לעבן ... לעבן אין די מיילער, אין די מוחות, אין די הערצער פון פאָלק ... און יונגע מיידלעך און יונגע בחורים פון פראַנקרייך וועלן מיט אונדזערע ווערטער, מיט אונדזער גלויבן — לעבן ... און ליבן ... און האָפן ... און בויען אַ ניי לעבן ... און מיר — אין זיי, דורך זיי — וועלן לעבן אין דעם נייעם לעבן, אין די נייע מאָרגנס ...

אַנדריי:

(מיט אַ קול פול אַנגסט) פיליפּ! ..

פּיליפּ:

יאָ? ..

אַנדריי:

האָסט אַמאָל דערציילט, ביסט בייגעווען אין שפּאַניע, בעתן בירגער־קריג, אויף אַן עקזעקוציע ...

פּיליפּ:

יאָ.

אַנדריי:

מען זעט אויס שרעקלעך — נאָכדעם? ..

פּיליפּ:

פאַר אַ זעלנער איז ניטאָ קיין שום שרעקלעכעס אין טויט.

אַנדריי:

מען פאַלט — מיט אַן אָפן מויל? ..

פיליפ:

איך געדענק ניט.

אַנדריי:

איך האָב געזען בילדער — גרויליקע! ..

פיליפ:

ניין... מען שטאַרבט פונקט אזוי פשוט, ווי פשוט מען לעבט. ניטאָ פאַרוואָס צו שרעקן זיך...

אַנדריי:

איך שרעק זיך ניט! ..

פיליפ:

ס'קומט פאַר אזוי שנעל, מען פילט זיכער קיין ווייטאָג ניט אפילו... ס'איז גאָרניט...

אַנדריי:

איך האָב ניט מורא! ..

פיליפ:

איך ווייס...

אַנדריי:

איך האָב ניט מורא! .. ס'איז גוט, וואָס איך בין ניט אַליין! .. ס'איז גוט, וואָס מיר זיינען אַלע צוזאַמען! .. אַלע צוזאַמען — די גאַנצע צייט... הא, די גאַנצע צייט?...

פיליפ:

יאָ. די גאַנצע צייט...

אַנדריי:

מירן צוזאַמען גיין — אהין?...

פיליפ:

יאָ.

אַנדריי:

און מיר וועלן זינגען צוזאַמען, הא? .. זאָג, מיר וועלן זינגען — דאָרט? ..

פיליפ:

יאָ.

אַנדריי:

דאָס איז גוט! .. דאָס איז גוט! .. (פאַרטראַכט זיך א ווײַלע) איך וואָלט אזוי שטאַרק געוואָלט קאָנען זען ... נאָכדעם ... ווי כ'וועל אויסזען ... נאָכדעם ... (גיט א בלאָסן שמייכל) איך בין לעכערלעך, ניט אמת? ..

פיליפ:

ניין. אָבער מען דאַרף ניט טראַכטן דערוועגן.

אַנדריי:

פיליפ, זאָג מיר ... (וואַקלט זיך)

פיליפ:

וואָס, אַנדריי? ..

אַנדריי:

זאָג מיר — דיר ... שווידערט אויך אזוי ... אינעווייניק? ..

פיליפ:

(רואיק) אַ ביסל. מען דאַרף זיך באַהערשן.

אַנדריי:

כ'וועל זיך באַהערשן! ..

פיליפ:

דאָס איז אונדזער לעצטע אויפגאַבע: ווײַזן דעם שונא, אַז מיר האָבן ניט מורא פאַרן טויט. און זיך אַליין — אויך עס ווײַזן ... מענטשן, ווי מיר, האָבן ביזן לעצטן אָטעם אַן אויפגאַבע צו דערפילן ... מײַן גאַנץ לעבן איז באַשטאַנען בלויז פון אויפגאַבעס ...

פיער:

(צו אַנדרייען) דו ביסט געבוירן אין פראַנקרײַך? ..

אַנדריי:

יאָ. איך קען קיין שום אַנדער לאַנד ניט.

פיער:

און איך קען אַ סך אַנדערע לענדער. אָבער קיינס איז ניט אַזוי

ליב, ווי אונדזער לאַנד. מען זאָגט: „ליאַ דוס טער דע פראַנס"... פראַנצויזישע ערד איז צאַרט, איז ליב, איז ווייך... מען דאַרף זיך ניט שרעקן פאַרן טויט. (גלעט אַנדרייען) דו וועסט לעבן אין פראַנקרייך, דורך פראַנקרייך...

וויקטאָר:

(וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, הויבט אויף דעם קאָפּ) און איך, פּיער, איך אַ פרעמדגעבוירענער, אַ גאַסט אַ לאַנג־געזעסענער אויף פראַנצויזישער ערד — וועט זי מיר אויך אַזוי לייכט זיין, אַזוי צאַרט, ווי דיר? ..

פּיער:

(גייט צו צו אים, ווייך) יאָ, וויקטאָר! .. (נעמט אים אַרום, נעמט אַרום גלייכצייטיק אַנדרייען און פיליפּן, וואָס זיינען אויך צוגעגאַנגען) פראַנצויזישע ערד איז די מענטשלעכסטע ערד פון דער וועלט. זי וועט אויפנעמען אונדז מיט גלייכער ליבע, מיט גלייכער האַר־ציקייט, מיט גלייכער דאַנקבאַרקייט... ווייל מיר אַלע, היי־געבוירענע און פרעמד־געבוירענע, מיר שטאַרבן, כדי פראַנקרייך זאָל לעבן...

אַנדריי:

(מיט אַנגסט) מען שליסט די טיר אין קאָרידאָר! .. מען גייט! ..
(אַלע הערן זיך איין) מען גייט!! ...

פיליפּ:

רואיק, אַנדריי, רואיק... (הערט זיך אָנגעשטרענגט איין) דאָס איז בלויז דער וועכטער...

אַנדריי:

(לויפט צו צו דער טיר) וועכטער! .. וועכטער!..

וועכטער:

(באַווייזט זיך צווישן די קראַטעס פון דער טיר) וואָס איז, בחור? ..

אַנדריי:

מען איז געקומען?! ... מען איז געקומען נאָך אונדז?! ..

וועכטער:

קיינער איז ניט געקומען, בחור...

אַנדריי:

ווי שפּעט איז שוין, וועכטער?..

וועכטער:

באַלד עלף דער זייגער. (גענעצט) עס ציט אין בעט אַריין (גענעצט הויך, געשמאַק) פּאַרקילט זיך נאָך, אויף אַ צוליִג... אַלע ביינער ברעכן... נו, נאָך אַ שעה וואַך און — שלאָפן!.. ס'איז אפילו איצט ביי מיר אין הויז אַ חתונה, נאָר — זאָלן שוין טאַנצן אַנדערע!.. געגנוג זיך אָנגעטאַנצט אין די יונגע יאָרן... (לאַכט צופרידן)

אַנדריי:

אַ חתונה?..

וועכטער:

יאָ. הערסט ניט?.. כלי־זמרים שפּילן דאָרט... אַ קליינינקייט, צונעדעקט דעם קאָפּ ביי אַ בתולה!.. (לאַכט) די טאָכטער פון אַ קאַמראַד, אויך אַ וועכטער דאָ... וואָלסט זי אָנגעקוקט — פריער זיך אָנגעלאָפן מיט אַלע יונגען אין די קאַרן, אַ צויג אַזאַ!.. און היינט, אין קלויסטער — מיט אַ ווייסן שלייער... (לאַכט) וועסט ניט גלויבן, בחור, זי איז שיעור ניט געוואָרן מיין שנור... יאָ!.. דער יינגערער מיינער קומט איינמאָל, אַ פּריזמאַרגן אַזוי: טאַטע, זאָגט ער, איך וויל זי נעמען פאַר אַ ווייב, און אויב דו וועסט ניט לאָזן, וועל איך זי במילא נעמען, און אויב דו וועסט אַלץ ניט לאָזן, וועל איך זיך נעמען ס'לעבן... אַ שוטה אַזאַ!.. גיי, זאָג איך אים, שוטה דו, גלייכער נעם און לויף מיט איר אין די קאַרן אַ ביסל, און זאָלן זיך אַנדערע דאָס לעבן נעמען... (לאַכט; פּלוצלונג ערנסט) אייגנטלעך, כ'ווייס ניט פאַרוואָס איך דערצייל דאָס דיר, בחור... האָב ניט קיין פּאַריבל!.. אַן אַלטער — פּלוידערט... איך האָב דיך גערן... עס איז מיר, בחור, אויף דיר אַ גרויס רחמנות...

אַנדריי:

(שטאָלץ) מען דאַרף ניט קיין רחמנות, וועכטער! איך פֿאַל, ווי אַ זעלנער אין שלאַכט!..

וועכטער:

נו, יאָ, אָבער — אויף אַ זעלנער איז אויך אַ רחמנות... (טראַכט אַ ווײַלע, צעשמייכלט זיך) צוריקגערעדט, ס'איז אפשר ניט אַזוי איר שולד, דעם מיידלס... זי האָט עס שוין אין בלוט... אַ בלוט אַזאַ... איך האָב געקענט איר מאַמען... דאָס איז געווען אַ סחורה, אַ־אַ־אַ!.. פֿײַער!.. אַ צווײַג אַזאַ!.. אויף דער אמתער וועלט שוין... ווערסט ניט גלייבן, בחור, איך האָב געטראַכט אַמאָל זי נעמען פֿאַר אַ ווײַב, אַז גוט אָפּגעשיידט זאָל זי זיין... אַ טייוול געווען, ניט קיין מויד!.. זי האָט געקענט אַזעלכע ערטעלעך אין וואַלד — דאָ איז געווען אַרום אַ וואַלד — הייל פּינצטערע, הייסע... אויף דער אמתער וועלט שוין... אָ, די יאָרן לויפֿן!... קוקסט זיך ניט אום, בחור, און אָט ביסט אַריינגעפֿאָרן אין די זעכציקער אַריין...

אַנדריי:

מען וועט אונדז שיסן דאָ — אין תפיסה?..

וועכטער:

חלילה!.. גאָט באַהיט!.. זאָלן זיי גיין שיסן, ווו זיי ווילן!.. אַז אַרבעט נאָך פֿאַר אונדז — שלעפּ נאָכדעם די קאַסטנס... אַ בר־מנן, הע!.. אַ בר־מנן האָט וואָג!..

אַנדריי:

מער... ווי אַ לעבעדיקער?..

וועכטער:

אַ שאלה אַ ביסל!..

אַנדריי:

און פֿאַרוואָס?.. פֿאַרוואָס האָט אַ בר־מנן... אַזוי פֿיל וואָג?..

וועכטער:

דער גומער יאָר ווייסט אים!.. מסתּמא דערפֿאַר, וואָס די נשמה

איז ארוים... די נשמה, פארשטייסט, דאָס איז דאָס, וואָס איז לייבט. און אַז זי גייט ארוים, בלייבט בלויז דאָס, וואָס איז שווער... נאָר צו וואָס גאָר טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן?.. בעסער, בחור, לייג זיך שלאָפן. האָסט נאָך גוטע עטלעכע שעה. אַז מען שלאָפט, גייט שנעל אַוועק די צייט...

אַנדריי:

איך וויל ניט די צייט זאָל שנעל אַוועק!..

וועכטער:

דו ווילסט ניט?..

אַנדריי:

ניין! איך וויל ניט!

וועכטער:

אפשר ביסטו גערעכט... שווערע צייטן דערלעבט, יאָ... נו, איך גיי זיך צוזעצן אַ ביסל. ס'ברעכט דער קרייץ. טאָמער דאַרפסטו מיך, גיב אַ רוף. קאָנסט הערוויל זיך צוהערן צו די כלי־זמרים. אַ פייפל דאָרטן — הערסט?.. דאָס שפּילט אוודאי דער תכשיט פון ברענאָ... אויך אַ גרויסער מחותן מיט דער כלה!.. (לאַכט, גייט אַוועק. פּויזע. פון וויטן דערגייען, שוואַך, די קלאַנגען פון אַ פייפל: אַנדריי גייט צו צום פענצטערל, הערט זיך איין)

וויקטאָר:

(פון שלאָף, גיט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ) אָך!..

פיליפ:

(גייט שנעל צו צו אים, ווייך) וויקטאָר!..

וויקטאָר:

(אויפכאַפּנדיק זיך) דאָס ביסטו, פיליפ?

פיליפ:

יאָ. ליידסט אַלץ יסורים?.. (וויקטאָר ענטפערט ניט) דו פּי־בערסט איינגאַנצן...

וויקטאָר:

ווי אויף צו להכעיס!.. איך האָב שטענדיק געטרוימט... צו גיין אַהין... רואיק אַזוי, געלאַסן... קיין אייך אבער זאָל ניט

ציטערן ... און דאָ וואַרפט מיך כסדר אין קעלט און אין היץ ... כ׳האָב געדרימלט ? ..

פּיליפּ:

דוסט זיך.

וויקטאָר:

די רעיונות פּלאָנטערן זיך ... ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט איצט — פּיער שטייט נעבן מיר ... נאָר עפּעס ניט דאָ, אַזוי ווי ערגעץ אַנדערש, כ׳ווייס אַליין ניט ווו ... און ער רעדט צו מיר, שטיל אַזוי, מיט אַ קול פול לייטזעליקייט: זעסט, זאָגט ער, וויקטאָר, זעסט די זאַנגען אויף מיין פעלד, ווי וואַנדערשיין זיי גייען אויף ! .. און מיר, בעת מעשה, איז דאָס האַרץ אַזוי צונויפגעקלעמט ... איך בין אים אַזוי מקנא, פּיער׳ן, אַזוי שרעקלעך מקנא... ביי אים איז אַלץ אַזוי זיכער, אַזוי פּשוט ... (רייסט זיך אויף) פּיליפּ, און אונדזער פעלד ? ! ! .. אונדזער חרוב, פאַרוויסט פעלד ? ? ! ! .. איך וואָלט אויך געוואָלט, מיין טויט זאָל זיין אַ פאַרזיי ! .. איך וואָלט אויך געוואָלט, מיין גוף זאָל געבן זוימען, קערנער ! .. פאַר תבואה־זאַנגען — אונדזערע, אייגענע ! אַנשטאָט די, וואָס זיינען געוואָרן פאַרשניטן ...

פּיליפּ:

עס וועט זיין אַזוי, וויקטאָר.

וויקטאָר:

מיר האָבן געלעבט אַזאַ וואונדערלעכן לעבן ... מיר האָבן געפירט אַזאַ גרויסע, אַזאַ הייליקע מלחמה ... אויך אונדזער טויט דאַרף זיין אַ נצחון ! ..

פּיליפּ:

אונדזער טויט **איז** אַ נצחון ! .. דער לעצטער נצחון איבערן שונא, דער גרעסטער אפשר ...

וויקטאָר:

ניט בלויז **אונדזער** נצחון דאַרף עס זיין, נאָר אויך — פאַר די דורות, וואָס וועלן נאָך אונדז קומען ... וועט אונדזער לעצטע רגע זיין דער אָנזאָג פון אַ נייעם אָנהויב ? ...

פיליפ:

יא, וויקטאר. זיכער.

וויקטאר:

פון אַ נייעם אַנהויב ... (טראכט א ווײלע) פיליפ, אין דיין געבוירן־לאַנד, ווען דו וואָלסט דאַרטן געפאַלן אין קאַמף, וואָלט דאָס גע־הייסן: פאַר דיין געבוירן־לאַנד. און ס'וואָלט געווען אמת. און ווען מיר וואָלטן געפאַלן אין שפּאַניען, וואָלט דאָס געהייסן: פאַר שפּאַניען. און דאָס וואָלט אויך געווען אמת. און היינט פאַלן מיר אין פראַנקרייך. און דאָס וועט הייסן: פאַר פראַנקרייך. און דאָס וועט אויך זיין אמת. אָבער, פיליפ, ס'איז דאָך פאַראַן נאָך אַן אמת: ווו מיר זאָלן ניט פאַלן, אויף וועלכן ווינקל פונעם ערד־קיילעך — פאַלן מיר דאָך, גלייכצייטיק, אויך פאַר אונדזער פאָלק! .. אונדזער בלוט איז נוקם יידיש בלוט פון לאַנגע דורות... אונדזער קויל טראָגט אין זיך חלומות פון יאָרהונדערטער, יאָר־טויזנטער! .. (אויסגעשעפּט, שטילער) און פּלוצלונג איז געוואָרן אַזוי וויסט אַרום... עס טראָגט זיך אַזוי מוראדיק דער אָפּקלאַנג פון אומקום פון מיליאָנען ... אָט דער אָפּקלאַנג הילכט אין מיר אָן אויפהער, סיי טאָג, סיי נאַכט ... פיליפ, ה יי נ ט, ה יי נ ט, אין פנים פון די מיליאָנען שאָטנס, וואָס רינגלען אונדז אַרום, אין פנים פון דער וועלט, וואָס לעבט און בלייבט לעבן — וואָס דאַרף זיין אונדזער לעצט וואָרט, דאָס לעצטע וואָרט פון אַ יידישן נקמה־נעמער? ! ...

פיליפ:

(נאָך אַ קורצער פּויזע) גלויבן, האָפן און קעמפן!

וויקטאר:

און דאָס לעצטע ליד?!.. איך ליג און פרעג מיך כסדר: מיט וואָס פאַר אַ ליד דאַרף היינט באַגעגענען דעם טויט אַ יידישער נקמה־נעמער?... וואָלט עס ניט געדאַרפט זיין אונדזערס אַ ליד, אַן אייגנס ?...

פיליפ:

מיר זיינען פול מיט וועלט. און יעדעס ליד פון וועלט, יעדעס ליד פון מענטש — איז אונדזער ליד! אז אַ נעגער,

אויף א פעלד פון באוול, זינגט, אין בלוט און שוויים. א ליד וועגן א וועלט, וווּ ס׳וועט ניט זיין, ניט שווארץ, ניט ווייס — איז דאָס אונדזער ליד. אז אן אָרימער בינגער, לויפנדיק געשפאנט אין וואָגן, זינגט א שטומען ליד וועגן א צייט, ווען ס׳וועלן מער ניט זיין, ניט הארן און ניט קנעכט — איז דאָס אינדזער ליד. און ווו עס זינגען מענטשן וועגן פרייהייט — איז דאָס אונדזער ליד. און ווו עס זינגען מאַמעס לידער וועגן שלום איז עס אונדזער ליד. און ווו עס זינגען יונגע פרויען וועגן האָפענונג און ליבע — איז עס אונדזער ליד. אזא איז אונדזער גורל. מיר טראָגן וועלט אין זיך.

וויקטאָר:

און פאָלק?!..

פיליפ:

פון וועלט פירט א וועג צו פאָלק.

וויקטאָר:

פירט ניט גיכער א וועג פון פאָלק צו וועלט?

פיליפ:

פאַר אונדז און אין אונדז — טרעפן ביידע וועגן זיך צוזאמען. אינעם ליד פון וועלט וועט אויסשמידן זיך אונדזער אייגן ליד.

וויקטאָר:

און פון אונדזער פאַרזיי, פיליפ, פונם פאַרזיי פון יידישע נקמה־נעמער — וואָס אזוינס וועט אויפגיין?

פיליפ:

(רואיק און ווייך) א ניי לעבן.

וויקטאָר:

א ניי לעבן — פאַר אונדז?.. פאַר אונדזער פאָלק?!..

פיליפ:

פאַר אונדזער פאָלק אויך.

וויקטאָר:

גלויבסטו טאַקע אין דעם?!.. ווארט, ענטפער ניט גלייך. באַקלער זיך פריער. קוק גוט אריין אין זיך... און זאָג מיר דעם אמת, איך באַשווער דיך... דעם אמת!.. ניט דעם געוועלנלעכן,

טאָג־טעגלעכן אמת, נאָר דעם גרויסן, דעם הייליקן, דעם לעצטן — דעם אמת פאַרן טויט... זאָג: גלויבסטו טאַקע אין דעם, אַז אונדזער פאָלק וועט לעבן?!.. אַז עס וועט וועלן לעבן?!.. אַז עס וועט קאָנען לעבן?!..

פיליפ:

(נאָך אַ פויזע) איך גלויב.

וויקטאָר:

כאָטש מען האָט אונדז אויסגעקוילעט?...

פיליפ:

כאָטש מען האָט אונדז אויסגעקוילעט.

וויקטאָר:

כאָטש מיר אַנטלויפן פון זיך?..

פיליפ:

מען קאָן ניט ווייט אַנטלויפן פון זיך.

וויקטאָר:

יאָ... (אינגאַנצן אויסגעשעפּט, רעדט מיט די לעצטע כחות) ס'איז אַזוי לייכט צו גיין צום טויט, ווען מען קאָן זאָגן: „איך שטאַרב כדי מיין פאָלק זאָל לעבן"... (חזרט שטיל) „איך שטאַרב כדי מיין פאָלק זאָל לעבן"... סאַראַ ליכט עס שטראַלט פון די ווערטער — אַזעלכע פשוטע... אָ, ווען דאָס דאָזיקע ליכט וואָלט געקאָנט דורכרייסן זיך דורך די ווענט פון קאַמער, דורך די ווענט פון תפיסה, ווען עס וואָלט געקאָנט זיך שפּרייטן איבער גאָר, דער גרויסער וועלט!.. (הויך) מיר שטאַרבן דאָ, כדי דאָס יידיש פאָלק זאָל לעבן!.. מיר שטאַרבן דאָ, כדי ס'זאָל לעבן אונדזער פאָלק!!..

פיליפ:

און כדי די וועלט זאָל ווערן יושרדיק און פריי...

אַנדריי:

(ביים פענצטערל) און כדי ס'זאָל ווידער בליען פראַנקרייך...

פיער:

פראנקרייך — אונדזער אלעמענס היימלאנד... (פויזע) עס איז ניטא קיין טויט, ווען מען גלויבט אין לעבן...

אנדריי:

(איז אוועק פון פענצטערל) די לבנה איז בלאסער געווארן. דער הימל פארציט זיך מיט וואלקנדלעך — געקרויזטע וואלקנדלעך. עס שרעקט מיך ניט מער דאס שטארבן. ס'טוט בלויז באנג, וואס איך וועל ניט זען, ווי ס'וועט אויפגיין די זון. נאך קיינמאל רעכט ניט געזען. ערשט אין תפיסה האב איך אנגעהויבן ארויסקוקן באגינען, דערגייט אבער בלויז אן אפשיין א שוואכער, אויף דער וואנט. און אפשר?.. אפשר זאל איך בעטן, ווי א לעצטע בקשה, מען זאל מיר דערלויבן?.. וואס, פיליפ? .. זאל איך בעטן?..

פיליפ:

ניין, אנדריי! מיר דארפן ביי זיי גארניט בעטן.

אנדריי:

ביסט גערעכט, יא, ביסט גערעכט... (טראכט א ווײַלע) איך בין אלט צוואנציק יאר. צוואנציק מאל דריי הונדערט פינף און זעכציק פרימארגנס... (חשבונט) זיבן טויזנט דריי הונדערט פרימארגנס. זיבן טויזנט דריי הונדערט מאל, ווי די זון איז אויפגעגאנגען אין מיין לעבן... און איך האב זי ניט געזען... איך ווייס, דאס וועט ניט שטערן, זי זאל ווייטער אויפגיין אלע טאג... אבער דער געדאנק — אז איך האב קיין איין מאל אין מיין לעבן ניט געזען!.. דער געדאנק — אז איך האב געלעבט און בין גע־שטארבן ניט זעענדיק קיין איין מאל ווי די זון גייט אויף!.. וואלט איך באטש איין מאל געזען, ניט מער ווי איין מאל!.. ס'איז שוין באלד מסתמא, הא?

פיליפ:

יא...

אנדריי:

איך בין גרייט. עס שרעקט מיך מער גארניט. איך וועל פאלן,

ווי עס דאַרף פֿאַלן אַ קעמפער. איך וועל גיין צום טויט מיט אַ הויך־געהויבענעם קאָפּ. מיין רוף „זאָל לעבן פראַנקרייך" וועט זיך טראָגן ווייט און ברייט... און איך וועל זינגען די „מאַר־סעליעזע" ביז דער סאַמע לעצטער רגע... (וואַרפט אַ בליק צום פענצטערל) איך באַדויער גאָרנישט. אַ שאָד — אַזוי יונג אַוועקגיין פון דער וועלט, נאָר פאַרפאַלן... איך בין גרייט... (הערט זיך צו) מען גייט נאָך אונדז!

פּיליפּ:

שוין? !... (דערנענטערן זיך אַלע איינער צום צווייטן, כמעט ווי אינסטינקטיוו; הערן געשפּאַנט)

וועכטער:

(קומט אַריין איילנדיק, אויף די שפּיץ פינגער) ששש!.. איך האָב עפּעס פאַר אייך...

פּיליפּ:

פאַר אונדז?..

וועכטער:

יאָ. אָבער, אום גאָטעס ווילן — פאָרזיכטיק!.. טאָמער חלילה וואָס, בין איך מיט מיין אַלטן קאָפּ ניט זיכער... (קוקט זיך ארום אין אַלע זייטן, נעמט ארויס פון קעשענע אַ בריוועלע פון דער פריי... (ווייזט אויף וויקטאָרן) פאַר אים...

פּיליפּ:

(נעמט דאָס בריוועלע) אַ דאַנק, וועכטער.

וועכטער:

איך בעט אייך — איבערגעלייענט און גלייך צעפּיצלט, ס'זאָל קיין זכר ניט בלייבן... איר פאַרשטייט אַליין, ס'איז ניט קיין שפּילעכל פאַר מיר!..

פּיער:

איר קאָנט זיין רואיק, וועכטער.

וועכטער:

רואיק, ניט רואיק — פאַרפאַלן!.. (ארויסגייענדיק) יעדערער טוט, וואָס ער קאָן... (זיפצט, גייט ארויס)

וויקטאָר:

(האָט געגומען דאָס בריוול ביי פיליפן) פון מאַרטאַן! .. (לייענט) „מיר האָפן זיך צו זען מיט אייך נאָך היינט ביינאַכט. זייט גרייט, חברים...“

פיליפ:

זיך זען מיט אונדז?! ..

פיער:

זיין גרייט?!

פיליפ:

זיכער — אַ פּלאַן אונדז צו באַפרייען!

אַנדריי:

אונדז צו באַפרייען?!... (און האָבנדיק פלוצלונג באַנומען דעם גאַנצן זין פון די ווערטער, שאַרף) מיר... וועלן ניט שטאַרבן?!! ..

פיליפ:

אַנדריי, שטילער...

אַנדריי:

(קאָן זיך ניט באַהערשן) מיר וועלן בלייבן לעבן?!! .. מיר וועלן בלייבן לעבן?!! .. אַ, אַנטשולדיקט, חברים! ..

פיער:

(צו פיליפן) רעכנסט, אַז איבערפאַל אויף דער תפיסה?...

פיליפ:

אָדער — אויפן תפיסה־וואָגן, ביים אַריבערפירן אונדז.

פיער:

איןביידע פאַלן, איז עס ניט לייכט.

פיליפ:

ניין... זיי שרייבן: זייט גרייט... מיר דאַרפן אפשר העלפן?.. פון אינעווייניק... ווי קלערסטו, וויקטאָר?..

וויקטאָר:

יאָ... מען דאַרף... נעם דו איבער די אָנפירונג... אָנשטאָט מיך.. באַטראַכט אַלע מעגלעכקייטן... איך וויל בלויז זאָגן: אויב עס וועט אויסקומען אָנצוגרייפן, אָדער צו פאַרטיידיקן זיך, אָדער צו לויפן — זאָלט איר ניט לייגן קיין אַכט אויף מיך... זאָלט איר מיך איבערלאָזן...

פיליפ:

פון ווען אָן לאָזן מיר דאָס איבער אונדזערע פאַרוואונדעטע?!..

וויקטאָר:

סיי ווי קאָן איך לאַנג ניט אָנהאַלטן שוין... איר ווייסט עס, פונקט ווי איך. אַלע אין מיר איז אָפּגעשלאָגן...

פיליפ:

נאַרישקייטן!.. וועסט זיך אויסהיילן...

פיער:

וועסט זיין געזונט, וויקטאָר...

פיליפ:

קום, פיער, לאָמיר נאָר זען, וואָס מען קאָן טאָן... מען טאָר ניט פאַרלירן קיין איין רגע... (גייען אָפּ אין א זייט, ריידן צווישן זיך)

אַנדריי:

(שטיל) וויקטאָר!..

וויקטאָר:

יאָ?..

אַנדריי:

דאָס בריוול... איז פון מאַרטאַ'ן?..

וויקטאָר:

פון מאַרטאַ'ן...

אַנדריי:

וואָלסט ניט געקאָנט... מיר עס געבן לייענען?..

וויקטאָר:

כ'האָב עס שוין פאַרניכטעט.

אַנדריי:

געווען בלויז ... די עטלעכע ווערטער, וואָס דו האָסט אונדז געליענט? ..

וויקטאָר:

געווען נאָך.

אַנדריי:

צו דיר? ..

וויקטאָר:

יאָ.

אַנדריי:

צו דיר פּערזענלעך?

וויקטאָר:

יאָ.

אַנדריי:

און ... מער צו קיינעם ניט? ..

וויקטאָר:

ניין.

אַנדריי:

וויקטאָר, איך וויל דיר עפּעס פרעגן ... ניט צוליב קליינלעכער נייגעריקייט, איך פאַרזיכער דיר! .. זאָג מיר, וויקטאָר ... וואָס איז פאַר דיר — מאַרטאַ?

וויקטאָר:

(נאָך אַ פּויזע) מיין פרוי.

אַנדריי:

דיין פרוי ... מאַרטאַ — דיין פרוי? ! .. (פּויזע) יאָ, נאַטירלעך ... (ווי באַרואיקט) ווייסט, וויקטאָר, איך בין אינגאַנצן זיכער, אַז

מיר וועלן לעבן ... דו וועסט ווערן געזונט ... מיר וועלן נאך קעמפן צוזאמען ... האסט מיר צוגעזאגט אמאל, געדענקסט? ..ביידע צוזאמען ... און מארטא אויך ... זאלבעדריט ... (פויזע) אויב ס'וועט אויסקומען באלד צו פארטיידיקן זיך, וועל איך פארטיידיקן אונדז ביידן ... אויב מען וועט הארפן לויפן, וועל איך דיך נעמען אויף די אקסלען ...

וויקטאר:

איך פארוואר עס דיר! ..

אנדריי:

ניין, דערלויב, דערלויב מיר עס, איך בעט דיך! .. ניט נאר צוליב דיר, וויקטאר ... אויב פריי ווערן, איז ביידע! .. (צו פיליפן) פיליפ, די באשיצונג פון וויקטארן נעם איך אויף זיך ...

פיליפ:

גוט.

אנדריי:

מיר וועלן זיין פריי ... יא ... און אויב ניט, וועלן מיר פאלן צוזאמען. מאדנע, ס'איז מיר כמעט אלץ איינס ... כ'בין גרייט פונקט אזוי אויף שטארבן ווי אויף לעבן ...

וויקטאר:

מען דארף לעבן, אנדריי ... דער קאמף איז נאך ניט פארענדיקט.

אנדריי:

יא, איך ווייס ... דער קאמף ... אויסטערליש אזוי — ניטא מער אין מיר ניט קיין טרויער, ניט קיין פרייד ... ניט קיין באדויערן, ניט קיין בענקשאפט, ניט קיין באגער, גארניט ... א רואיקייט אזא, א גלייכגילטיקייט ... יא ... אט, איך וועל גאר עפעס זינגען — ווילסט? .. (צו פיליפן און פיערן) איר ווילט, כ'זאל עפעס זינגען? .. (קיינער ענטפערט ניט) וועט איר זען, ווי רואיק איך בין, ווי גרייט ... (פויזע, זעצט זיך, הויבט אויף די לינקע האנט) דאס איז די גיטארע. כ'וועל מיך אליין באגלייטן .... ווי אמאל ... (שמייכלט בלאס, הויבט אן שטיל דאס פארשפיל אויף דער גיטארע, נאכדעם זינגט פאמעלעך, פארטראכט):

הינטער פעלדער, הינטער וועלדער
הינטער בערג און הינטער טאָלן
אַ פּרינצעסן איז געזעסן
אין אַ פּאַלאַץ פון קרישטאָלן

הינטער פעלדער, הינטער וועלדער
אין איר חדר איינגעשלאָסן
איז געזעסן אַ פּרינצעסן
און מיט טרערן זיך באַגאָסן

זאָג בת-מלכה, זאָג פּרינצעסן
קאָנסטו ניט דיין צער פאַרגעסן?
קאָנסט ניט אויפהערן דיין קלאָג?
ניין, איך קאָן מיר ניט פאַרגעבן
וואָס ס'איז קורץ אַזוי דאָס לעבן
און קירצער ס'ווערט...

(די שטימע פארברעכט זיך, אין א פארשטיקטן שלוכץ)

היקטאָר:
(נעבן אנדרייען, גלעט אים צערטלעך) שווין ניט לאַנג... שווין ניט לאַנג...

אַנדריי:
(באהערשט זיך, זינגט איבער דעם רעפריין מיט א זיכערער, העל־קלינגעוודיקער שטימע):

ניין, איך קאָן מיר ניט פאַרגעבן
וואָס ס'איז קורץ אַזוי דאָס לעבן
און קירצער ס'ווערט פון טאָג צו טאָג...

(שפילט אויף דער גיטארע א נאָך־באגלייטונג, פון לאנגע, איינטאָניקע קלאנגען, פונקט ווי ערגעץ וואָלט א זייגער פאמעלעך און פייערלעך אויסגעשלאָגן די שעהן)

בילד פיר

ביינאכט. א פלאץ פאר דער תפיסה. ביים טויער שטייט א וועכטער, מיט א ביקס. ס'איז פינצטער. אין דער קעגנאיבערדיקער זייט פון פלאץ שטייען פארבאהאלטן, אפגערוקט איינער פון צווייטן, סערזש און מארטא.

סערזש:

(שטיל) מארטא! ..

מאַרטא:

יאָ .. (ער מאַכט צו איר א באוועגונג מיטן האנט, זי זאָל צוקומען צו אים. זי גייט פאַרזיכטיק צו)

סערזש:

שוין באַלד דריי פערטל שעה, ווי דער אויטאָ איז אריין אין תפיסה־טויער ...

מאַרטאַ:

יאָ, שוין באַלד דריי פערטל שעה ...

סערזש:

ס'גערויערט ניט געוועגלעך אזוי לאַנג ...

מאַרטא:

ניין? ..

סערזש:

ניין. איך ווייס געגוי. העכסטנס פופצן, ביז צוואַנציק מינוט. ס'איז וואַרשיינלעך דאָרט עפּעס געשען ...

מאַרטאַ:

רעכנסט? ..

סערזש:

יאָ.

מאַרטאַ:

און וואָס אזוינס ... האָט געקאָנט געשען? ..

מעריש:

(וואקלט זיך) איך ווייס ניט... אויף יעדן פאל, אזוי קאָנען מיר דאָ לאַנג ניט בלייבן. די הינטערשטע גרופע חברים וואַרט. זיי זיינען זיכער אומרואיק.

מאַרטאַ:

זאָל איך אפשר צוגיין דערווייסן זיך ביים וועכטער?..

מעריש:

שטאַרק איינגעשטעלט.

מאַרטאַ:

די וואך איז א פראנצויזישע. כ'וועל גיין.

מעריש:

(טראכט א ווײלע) גוט. נאָר — פאָרזיכטיק!.. (מארטא לאָזט זיך פאמעלעך אין דער ריכטונג פון תפיסה־טויער)

וועכטער:

העי, ווער איז דאָרט?.. שטיי!.. ווער איז?..

מאַרטאַ:

א פרוי, מיין הער.

וועכטער:

בלייבט שטיין!.. וואָס טוט איר דאָ ביינאַכט?..

מאַרטאַ:

עס האָט מיין אומגליק מיך געבראַכט אהער...

וועכטער:

האָט איר א דערלויבעניש צו קומען דאָ, אין אזא שפעטע שעה?..

מאַרטאַ:

ניין...

וועכטער:

איז גייט צוריק!.. פארשווינדט!.. כ'וועל מוזן שיסן... אזא איז דער באַפעל.

מאַרטא:

איך וועל גיין צוריק... האָט מיטלייד, וועבטער! איך האָב אין תפיסה דאָ מיין מאַן. מען דאַרף אים באַלד פירן צום טויט. וואַרט איך, אפשר וועל איך קאָנען מאַן אַ בליק אויף אים, אָדער הערן גאָר זיין קול — דאָס לעצטע מאָל. מען דאַרף אים באַלד אַרויספירן. דער אויטאָ איז שוין לאַנג אַריין...

וועבטער:

אייער מאַן, זאָגט איר?..

מאַרטא:

יאָ.

וועבטער:

פאַרמשפּט מיט נאָך דריי אינאיינעם?..

מאַרטא:

יאָ. מען פירט זיי אַלעמען צום מאָן־וואַלעריען...

וועבטער:

סיי ווי וואָלט איר אייער מאַן ניט געזען שוין, ניט געהערט... דער תפיסה־אויטאָ איז גוט פאַרמאַכט, אַרומגעשמידט פון אַלע זייטן...

מאַרטא:

אָבער זיין קול בלויז הערן, אפשר?.. דער אויטאָ וועט אַרויס־פאָרן באַלד, האַ?.. (ער ענטפערט ניט) וועבטער!..

וועבטער:

ביטערע צייטן היינט!.. ביטערע צייטן!..

מאַרטא:

וועט דער אויטאָ באַלד..?

וועבטער:

ניין!..

מאַרטא:

וואָס הייסט?!..

וועכטער:

מען פירט דעם אורטייל אויס אין תפיסה אויפן הויף.

מאַרטאַ:

ס'איז ניט מעגלעך! ...

וועכטער:

דער צווייטער פאַל וואָס שוין ... האָבן מורא, די פאַרשאַלטענע, אַרויספירן פון תפיסה, מען זאָל ניט אָפּשלאָגן ... ביטערע צייטן, יאָ! ..

מאַרטאַ:

ס'איז ניט מעגלעך! .. ס'איז ניט מעגלעך! ..

וועכטער:

וואָלט איך אייך אָפּגענאַרט? ! .. איך בין אַ פראַנצויז! די זעלנער זייערע שטייען אויסגעשטעלט שוין אויפן הויף. און דער אויטאָ האָט געבראַכט אפילו טויטן־קאַסטנס. גייט בעסער, ליבע פרוי ... גייט אַוועק פון דאַנען ... און זייט מוטיק! ..

מאַרטאַ:

(שטייט אַ ווײַלע, לאָזט זיך פאַמעלעך גיין צו סערזש'ן, וויינט, הערט כסדר) ס'איז ניט מעגלעך ... ס'איז ניט מעגלעך ...

סערזש:

(גייט איר אַנטקעגן) נו? .. (זי וויינט) אין תפיסה? ..

מאַרטאַ:

יאָ.

סערזש:

פאַר דעם טאָקע האָב איך מורא געהאַט. (פויזע) מאַרטאַ! .. (זי קוקט אויף אים, בעטנדיק, ער באַשליסט זיך) מיר ציען זיך תיכף צוריק.

מאַרטאַ:

ניין, ניין, סערזש! .. איך בעט דיך! .. דער אורטייל איז נאָך ניט אויסגעפירט ... ס'איז נאָך דאָ צייט ... לאָמיר אָנפאַלן אויף

דער תפיסה! מיר זיינען זאַלבעזעקסט. מיר האָבן צוויי קוילנ־וואַרפער. מיר האָבן גראַנאַטן. סערזש, מיר מוזן!.. ס'איז אונדזער חוב!.. מיר האָבן דאָך ניט קיין רעכט זיי צו פאַרלאָזן!..

סערזש:

(ווייך) איך פאַרשטיי דיך, מאַרטאַ... אָבער מיר האָבן נאָך ווייניקער רעכט צו באַגיין זעלבסטמאָרד. אויסער דער געוועג־לעבער, שטענדיקער וואַך, איז איצט אין תפיסה פאַראַן אַן אָפּ־טיילונג באוואָפנטע דייטשע זעלנער. מאַרטאַ, מיין האַרץ בלו־טיקט ניט ווייניקער פאַר דיינעם. מיר וועלן פאַר זיי נקמה נעמען. מיר טאָרן דאָ ניט בלייבן. איך בין קאָמאַנדיר. און איך באַפעל, מאַרטאַ: גלייך צוריקציִען זיך!..

מאַרטאַ:

ניין, סערזש, איך קאָן ניט!.. זיי מיר מוחל!.. איך וועל פון דאַנען ניט אַוועק!.. איך וועל אַליין דורכפירן אַן אָנפאַל... אַליין, אויף אייגענער אחריות... איך וועל ניט אַוועקגיין פון דאַנען!..

סערזש:

מאַרטאַ, אַ זעלנער דאַרף זיך קאָנען באַהערשן... גיב אָפּ דיינע גראַנאַטן!.. (זי גיט אָפּ) דיין קוילנוואַרפער גיב!.. (זי גיט) און איצט — צוריקציִען זיך!.. דאָס איז אַ באַפעל... קום!.. (גייט אַרויס)

מאַרטאַ:

(אַליין) איך וועל פון דאַנען ניט אַוועק... איך וועל דאָ בלייבן... צוזאַמען מיט זיי...

אָנזאָגער:

(קומט צו צו איר) ניין!.. דו דאַרפסט לעבן!.. לעבן — אפילו דאַן, ווען עס איז שווערער נאָך ווי טויט...

מאַרטאַ:

וויפל מאָל קאָן מען דען אַלץ פאַרלירן?.. אַלץ און אַלעמען?..

אַנזאָגער:

דו מוזט לעבן!.

מאַרטא:

איך האָב מער קיין כחות ניט...

אַנזאָגער:

אין דיינע לײדן װעסטו נײע כחות שעפּן!.. גײ, דאָ לויערט א סכנה... פֿאַרשװינד!.. גיס צונויף זיך מיט דער שװאַרצקײט פון דער נאַכט!..

מאַרטא:

(װײנענדיק) איך װעל ניט גײן... איך קאָן ניט גײן...

אַנזאָגער:

דו מוזט!.. הער: דו טראָגסט אין זיך א לעבעדיקן נפש, לעב — צוליב אים!.. אויף לײדן, אויף טרערן, אויף בלוט — זאָל אויפגײן א נײ לעבן!.. דײן קינד װעט קומען אויף דער װעלט, שוין אין דער פרײ. און זאָלן קינדער, פאַר זײער פאָלק און פאַר דער װעלט, לעבן, װי פאַר פאָלק און װעלט עס זײנען טאַטעס געפאַלן!.. גײ, פאַרדעק דעם פנים זיך אין טרויער... גײ, פאַרשװינד!..

מאַרטא:

(גײט ארויס פאַמעלעך, װײנענדיק שטיל)

אַנזאָגער:

(הערט זיך אײן א װײלע, ציטערט אויף, פאַרשטעלט זיך דעם פנים) אָ, עס שלאָגט די שעה!.. די גרויסע שעה פון גורל... די שעה פון בלוט, פון טויט... די שעה פון גלויבן, פון האָפענונג, פון האָפענונג!..

(פון װײטן דערטראָגן זיך שטיל די רויק-לויטערע קלאַנגען פון פײפל)

פאָרהאַנג